STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 03772

ZINGENDE RAYOYNES

Mosheh Oved

•

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

זינגענדע רעיונות

פון

משה עובד

לאָנדאָן

1950

Printed by THE NAROD PRESS (T.U.), 129-131 Cavell Street, E.1

אינהאַלט

ז.

אַ העלף מיר, גאָט! 6
די ברכה און די קללה אין צורת־אות 7
דער גלגות פון וואָרט 10
שלמה מיכאלס 13
אונזער דיכטערס צער 15
י. מ. ווייסענבערג 17
אונזער זינגענדיגער נצחון 18
גאָטס באַגלייטער פון דער אַלט־שטאָדט ירושלים 20
די כנסת ישראל רעדט צו די ספרים און ביכער . . . 22
שכר ועונש 25
בוך־וועהטאָג 26
ר׳ ברוך׳ל בענטשט מיט מזומן 28
ווען באַרנעלעך בליהען 29
ווי זאָגנען — מיינע טעג 30
ס׳קומען פרעמדע וואָס ווייסען נישט 31
זעה, מענש, ווי באַפליגעלט דו ביסט! 32
קאַמאַשען און טאַשען 34
אַ בריוועלע צום האַרצען 36
גומיאל, דער מלאך פון שלאָף 37
צווי באַזאַר פילאָזאָפען 39
דעם שליפער׳ס ליד 42
שאַך—מאַט 44
אַ שאָ! אַ שאָ! אַ שאָ! 50
וואָס איז דען דער זינגער? 52

אין די קרומע שפּיגלען פון מענשענ׳ס אויגען 53
מיט צוויי זעק ציהרונג 55
אַ לויב־געזאַנג צו חוה׳ן 56
צו וואונדערבאַר 57
אַ שמחה אין הימעל 58
זאָג מיר, אהביאל 59
ווער האָט דיר, קינד מיינס... 62
צום פּיצעלע בליישטיפט 63

איבערזעצונגען פון ענגליש

מצרים 65
כל נדרי 66
פראַנציס טאָמפּסאָן 67
צו ו. מ. 69
נאָכגעיאָגט פון הימלישען 70
פון זעלבען מחבר — אין אידיש און ענגליש 77

א, העלף מיר, גאט!

די שעהנקייט, וואס האט מיך מיט גאלד בעשטויבט,
האט מיך פארבלענדט, פון צו זעהן דיך בארויבט;
די שעהנע זאכען, וואס האבען פאר מיר סודות ענטפלעקט,
— וועה איז מיר! — האבען אויך אין מיר תאוות געוועקט.

א, העלף מיר, גאט, צו קענען ביישטעהן דעם נסיון
פון שבחים פון פריינד און פון שעהנע פרויען;
העלף מיר, גאט, העלף מיר צו זיין איך,
צו טראגען מיינע אייגענע שיך
און איבערלאזען פוס-טריט אייגענע נאך זיך...



די ברכה אין צורת־אות

געצייכענט פון Diana Webling

די ברכה און די קללה
אין צורת־אות

„ראה אנכי נותן לפניכם היום ברכה וקללה"—דברים י"א.

מעהר ווי אויף וואָס פאר אַן אומה־ולשון
געפּאַלען ברכות און קללות אויף אונזערע קעפּ:
מיט ברכות ס'משיח־גלויבען איז געזאלבט,
מיט קללות בריהט יעדע טהיר און טרעפּ.

די ברכות וואַקסען, ווי זיסע פּירות,
צווישען אַלע בלעטער אין דער תורה,
אַלע, אַלע זיינען דאָרט פאַרפלאַנצט
ביי דעם גן־עדן גערטנער, ביי דעם בורא.

דריי מנינים י'לעך אינ'ם א"ב,
ווי קנאָספּען, דאָרטען, אָהן עין־הרע, בליהען;
די גרעזעלעך און צווייגעלעך פון יעדען אות
פון י־קערענדעל יניקה ציהען.

ס'זיינען מיט ברכות די תורה־בייטען מעוברת —
אַ מסכת מיט מפרשים, ווי זאגאנען, פאַרהאַן —
ברכות און הבטחות פאַלען אויף אונזער שויס,
זיי שמעלצען זיך אין הארץ ווי מדבר־מן.

אָבער וואו באהאלט זיך די פּרשה, וואו לויערט די תוכחה,
וואו געפינט מען דאָרט אַן איינציג וואָרט,
עס זאָל אונז פארשילטען מיט אזא שרעקליכע קללה
ווי אַ זעקס מיליאָנען מאָרד?!

און דער קוים־איבערגעבליבענער גאַנצער איד
זאָל פון אייגענעם ברודער ווערען צעבראָכען,
זיין לשון פאַרשוועכט, זיינע הענד פאַרקנעכט,
ווי דער שבת־קודש פון דעם אין־דער־וואָכען!

געזוכט ווי אַ בלינדער צווישען בלינדע שורות
און ווי דער בלינדער עס אין צורת־אות געפונען,
בין איך געוואָרען שוין צופיעל זעהעוודיג —
אַ נס מן השמים איך בין נישט אַראָב פון זינען!

איך האָב דערזעהן אין יעדען אות
אַ שטיק געוועהר פון אונזער חורבן,
יעדעס אות — אַ שווערד, אַ שפיז, אַ האַק,
און יעדעס י׳־לע אַ קרבן.

געזעהן אונטער׳ן האַק־מעסער פון דער ה
אַ פריש־געטויטעטע, גלויביגען קאָפּ;
ווי ס׳גיסט זיך פון איהם ס׳געטליכע בלוט,
ווי פון כשרות אַן איבערלויפענדער טאָפּ.

געזעהן אין אַ חלום, אויף דעם ח־מזבח
ראַנגעלט זיך אין גסיסה דער קאָפּ פון י׳,
און ברויזענדער ווי דער ים פון פייער
האָט זיין בלוט געקאָכט און געזידט.

זיך געוואָרפען ווי אַ האַק די ך
איבער אַלע חללים פון שחיטה־מאַרק:
אָבגעהאַקט דעם קאָפּ פון מ
אויפ׳ן יאַטקע־קלאָץ פון ם
ביים סאַמע קאַרק.

די ס — אַ ראָד פון דער מעשה־מרכבה
אין אַ ווילדען קאַראַהאָד זיך געדרעהט,
געשניטען א ביז ת, רעכטס און לינקס,
געהאַקט קעפּ פון נאָהנט און ווייט.



Diana Webling געצייכענט פון דו קללה און צורת־אות

די קעפ פון ע און פון צ
אין דעם אַלטען ץ פערשניטען,
און דער ווילדער קלאנג פון כלי־זין
איז געוואָרען פערטויבט פון די געשרייען ;
און פאַרברענט ס׳פייער האָבען די געבליטען.

קיין קרבן־עולה האָט גאָך נישט געזעהן
אַזאַ פלאַם־פייער און אַזוי בריהען
ווי דער פלאַם פון לעבעדיגען בלוט —
עס האָט געשטראָמט פון דער ש.

און אונטערגעשטעלט אונטער די קורצע פיס
פון די יאַטקע־טישען פון ת און
געלעגען זיינען די כפרה־היהנדלעך —
די בזול־הזול עזאזל־שאָף.

— — — — — — — — — — — —

דער גלגול פון וואָרט

א

אין די נעכטיגע דורות פון זיו־השכינה׳דיגען זיין
האָט געשוועבט איבער אידישע קהלות דער רוח־הקודש,
אָנגעצונדען פון בורא־עולם אַליין!

יעדען אין דער פריה
איז דער רוח־הקודש צו די קהלות געפלויגען:
„התעוררי, התעוררי!!״
גערופען, געשטורעמט און געוועקט;
דעם בלאָה־ווייסען טלית פון זון־אויפגאנג
פון שוואַרצען טלית־זאַק אַרויסגעצויגען
און מיט איהם די קהלות מיט קדושה בעדעקט.

שוהלען, בתי־מדרשים און הייזלעך סתם,
כורעים־פאַלענדיגע ווי די כוואַליעס פון ים,
געגרונטפעסטיגט פון אָבגעשפאָרט־גראָשענדיגען נדן,
האָט ער געקושט, גלייך ווי זיי וואָלטען געווען
דעם שטעדטעל׳ס של־ראש׳ן און של־יד׳ן.

און ער איז נישט אָבגעטראָטען,
און מיט דעם שחרית פון פריהמאָרגען
אָ לאַנג לעבען, פאַר׳ן טאָג געבעטען,
ביז דער טאָג איז ערשט בין מנחה־מעריב אַ זקן געשטאָרבען.

דאַן

האָט דער רוח־הקודש פון דעם שטעדטעל
אָוועקגעלייגט דעם טאָג, דעם בר־מינן,

אויף דעם בין־השמשות טהרה־ברעטעל,
מיט טהוי געוואַשען זיינע טויטע וואונדען
און איבער דעם הייליגען מת געוואַכט;
צוזאַמען מיט די שטערען אָנגעצונדען
אין דעם אוהל פון דער נאכט.

ב

און פון דעם רוח־הקודש דעם פייערדיגען,
וואָס האָט געוועלטיגט אַזוי לאַנג,
אַזש דעם רוח־החיים צו פארצוקען,
האָט אַרויסגעשטראַהלט אַ שטאָלץ געזאַנג,
פאר וועלכען דעם אור־הבוקר׳ס שופר
האָט זיך געטהון בייגען און בוקען.
פאר די ניגונים, וואָס פלעגען אַרויסשטראַהלען,
פלייצען און רייצען פון רבנ׳ישע הויפען,
פלעגען די פרימאַדאָנעס פון די נאכטיגאלען
זייערע נשמות פאַרקויפען.

און ווען די קאָלערדיגע קאָלאראטורען,
איינגעזאמעלטע פאַר׳ן היכל פון שירה
פון אַ וועלט — ניין, וועלטען מיט יאָהרען —
האָבען דערגרייכט צו די שערי שמים,
האָט כביכול אויסגערופען:
„אָט
ווערט פאראייניגט, פאַראייביגט און פארהערליכט
מיין נאָמען גאָט,
ווי אַמאָל אדוני אחד!“
און געקלונגען „גאָטעניו“, „גאָט“ האָט יעדער שטיין
אין גאס און געסעלע, ווי אַ קאמערטאָן „אמן“.

ג

און פון די געראָטענע זרעים פון די געזאַנגען,
פארפלאנצט אויף דעם געהייליגטען אָרט,
זיינען אַרויסגעוואַקסען זינפולע קלאַנגען,
וואָס האָבען באדעקט די נשמה פון שירה
מיט׳ן לעבעדיגען פלייש פון וואָרט:

מיט ווערטער העברעאישע, כאלדעאישע, אראמעאישע,
מיט ווערטער אידישע, גערמאַנישע, סלאַווישע;
צוויי לשונות — אור־אַלט און בליהטען־יונג,
ביידע געשליפען אויף די רעדער פון וואַנדערונג,
געשליפען אויף יעדען פלוין, באַרג און טהאָל
פון יבשה, ים און פון ארץ־ישראל —

אַ צוויי־זייטיגע שווערד,
אויסגעשליפען אויף דעם לייב פון דער קיילעכדיגער ערד;
און מיט דער צוויי־זייטיגער, געשליפענער שווערד
אויף די לענדען אַנגעגורט
האָבען געבלוטיגט איבער דער גאָרער ערד
אונזערע פארטיזאנען גבורים פון וואָרט!

שלמה מיכאָעלס

אַ מיניאַטור סילועט

די, וואָס קענען די ביהנע־טהרה־ברעטלעך, ווייסען,
אַז הימעל און ערד בענטשען דעם אַקטיאָר
צו קענען אַרויפברענגען צו תחית־המתים
טיפען פון אַן אָבגעשטאָרבענעם דור.
אָבער אַמלעבעדיגסטען שפּיעלט דעם אייגענעם טיפּ
מיכאעליש־מלאכיש זיין אייגען וועזען,
ווען זיין ליפּ פּאַלט פלאַטערענדיג אויף ליפּ,
ווען זיין פּאַרמעט־פּנים עפענט זיך צום לעזען.

פאַר אונזער הארץ, אַזוי דערשלאָגען און צעבראָכען,
שאַהלען זיינע ליפען בשורות, טרייסט און פאַרהיילונג,
מיט יום־טוב׳דיגע אויגען אין מיטען אין דער וואָכען
און מיט דעם ביטערען אמת־וואָרט פון היילונג.
פון זיין אונטערשטער, אויסגעשטרעקטער ליפּ טריפען רייד,
ווי פון לעפל־מעדיצין פאַר׳ן פאַרשמאַכטען קינד,
בשעת זיין אויבערשטע ליפּ ציטערט, ווי די פרייד
פון רויטער פאָהן אין שוואַרצען שטורם־ווינד.

און זיין תקיעה, תרועה און שברי־לב־געזאַנג,
באַגלייטענדיג זיינע ליפען, אידישלעך זינגט:
„וועה און ווינד, וועה און ווינד,
ביזט נעבעך אַזוי קראַנק
און פערוואהרלאָזט, מיין פאָלק, מיין קינד.
טרינק אַראָב, שוועלבעל, מיינס, קרוינעניו שעהנס,
טרינק, טרינק, אָט אַזוי, אָט אַזוי!
ס׳זאָל דיר זיין צו אַ רפואה שלימה, אוי!

איצט פאַרבייס אַ שלום־עליכמ׳דיגס,
מיין לא־עליכמ׳דיגס.
עס איז אַ צוקער׳ל, אַ זויערלעך־זיסעס ;
נעהם עס, פאַרנעהם עס, נאָג עס, געניס עס.
דיר געבען ביטערס, דיר, מיין שעהנס,
שניידט מיר ביים הארץ, ווי מיט אַ מעסער.
וואָס וויל איך דען ? איך וויל נאָר איינס :
עס זאָל דיר תיכף, נעבעך, ווערען שוין בעסער״.

אונזער דיכטערס צער

ווי ציין, פאַלען אויס זיינע יוגענד־יאָהרען,
ווי האָר, קריכען אויס זיינע נעכט און טעג,
פון גלויבען אין זיך בלייבען נאָר מאַטע שפּורען
און מיט יעדער רגע ווערט פינסטערער זיין וועג.

די וועלט — אַ נפש צוריסען
און אין געפאַהר —
וויל אָבער נישט וויסען
פון זיין צער;
געהט איהם נאָך מיט רויטע, איבערגעשראָקענע אויגען
און לאָזט איהם נישט צורוה.
זי שרייט: „ראַטעווע,
ראַטעווע כאָטש איין איינציגע שעה!
זעהסטו דען נישט ווי דאָס פענסטער פון יעדען הויז
קוקט אויף דיר ווי אויף אַ רעטער אויס?״...

אָבער אך און וועה איז איהם,
ווען ער פאַנגט נאָר אָן זיינע זעהונגען זינגען,
האַקט זיך איבער דער אָטהעם פון זיין רוח־הקודש —
אַ קרירה!
עס ברעכט ס׳האַרץ, עס פּלאַצען לונגען —
אַ פּטירה!

איז ער דאָס ליעד מטהר, ברענגט עס צו קבר־ישראל.
און דו, גאָט, דו ווייסט דאָך, דו איינער,
אַז אַ חוץ די טריט פון זיין האַרץ —
זיין חברה־קדישא, זיין קהל —
באַגלייט עס נישט קיינער.

און צוריקגעהענדיג פון בית־עולם,
בלאָזט זיך פון ס׳ניי אַריין דער רוח־השירה אין דעם גולם.
דעמאָלט קלינגען ווי גלאָקען אונטער פיס — שטיינער,
ס׳שפּיעלען ווי פלייטען — ביינער.
עס דויערט אָבער נישט אַן אויגען־בליק,
שטאַרבט דער קלאַנג פון געזאַנג,
און ער מוז זיך קעהרען צוריק.

(„אידיש לאָנדאָן״ 1937)

י. מ. ווייסענבערג

ס׳זיינען פאַרהאַנען לאַנג־יחוס׳דיגע פאַרשוינען,
ווי חלב׳נע ליכט מיט אָנגעצונדענע קרוינען,
זיי האָבען אָבער קיין וואָרצלען נישט:
נישט אַפילו ווי דאָס גראָז;
זיי ווערען פון אַ פלעדערמויז אָבגעווישט,
אויסגעלאָשען פון אַ ליאַדען בלאָז.

ס׳זיינען אויך פאַרהאַנען בעשיידענע לייט,
קורצע ווי אין אַ קורצען־פרייטאָג די שעה׳ן;
דאָך זיינען זיי איינגעוואָרצעלט אין דער אייביגקייט,
ווען דו קוקסט זיי נאָר גוט און טיעף אָן.

זיי זעהען אויס, ווען זיי שטעהען,
הי זיי וואָלטען ביז אין די קניע געשטאמט אין דער ערד;
און ווען זיי געהען,
ווי אַ געשפאַנט, אַקערדיג פערד.

ס׳האָט זיך אויסגעדאכט, אין פלוג,
אַז י. מ. ווייסענבערג איז שוואַך און קליין,
נאָר דער טיעפערער בליק
האָט פאר זיך אַ ריעז געזעהען שטעהן: —

ער האָט זיך פאר קיין ווינטען נישט אויסגעלאָשען,
פאַר קיין שטורעם זיך נישט איינגעבויגען;
ער האָט אַריינגעקוקט אינ׳ם טאָג פון אמת
און אין דער נאכט פון שקר גלייך אין די אויגען.

און די שטערען, וואָס ער האָט געזעהן אויפגעהן וואהר און קלאָהר,
האָט ער ווי הייסע קוילען געפאנגען;
מיט מאגנעטישע צוואַנגען
פאַר׳ן מזבח פון אונזער ליטעראַטור.

(„אידיש לאָנדאָן“, 1937)

אונזער זינגענדיגער נצחון

שירה איז פון יעדען לשון די געטרייע מוטער:
יעדעס וואָרט איהר׳ס — אַ באַליעבט קינד,
יעדעס אות — איהר הארצענ׳ס אַ ציטער,
אין דאָס נישט אַרויסגערעדטע,
איהר טעם און ריח, איהר וועה און ווינד.

זיבעציג מאמעס מיט זינגענדע רעיונות
זיצען אין זייערע געזאנגען אָנגעגורט;
זיי וויגען מיט מנוחה זייערע שבעים לשונות,
האַלזען, קושען און נאגען יעדעס אות און וואָרט.

אָבער מאַמע־אידיש ליידט, וויגענדיג איהר וויגעלע,
ווייל יעדעס הענדטעלע און פיסעלע — אַ צעבראָכען פליעגעלע;
זי וויגט און וויגט מיט איהר לעצטען דוך,
מיט זיפצען — שווערער פון זכרונות,
מיט שמייכלען — ווייכער פון פּוך.

זי וויגט ס׳וויגעלע אַראָב און אַרויף,
ביז ס׳זינקט צום יאוש פון שאול תחתיה,
ביז ס׳הייבט זיך צום נצחון פון אין־סוף,
ווי ס׳ליעד פון מרים הנביאה.

און אַלע זיבעציג וויגען אין זייערע רייהען,
אויף איין גרויסער וועלט־וויג זיי אַלע שטעהען,
וואָס דער בעשעפער אַליין טהוט תמיד וויגען
מיט כח פון זיין שעפערישען ניגון.

גאָט׳ס וויג שיינט ווי די לבנה אין ראש־חודש:
און די ליעדער קלינגען, ווי די גאָלדענע גלאָקען שטערען.

ער זינגט אין זיין פאָטער־שפּראַך — לשון־קודש,
אַלע זיבעציג מוטער־שפּראַכען, באַצויבערטע צוהערען.

טאָ זייט וויסען, איהר מיליאָנען פאַרבּרענטע אין גלות
און איהר, איבערגעבּליבענע מיליאָנען פאַרשטיינערטע פון קללות,
אַז נאָך גרעסער ווי דער גלות
און ווי אונזערע אַלע מפּלות
איז אונזער באַרעכטיגטער בּטחון
אין אונזער נצח זינגענדיגען נצחון.

גאָט׳ס באַגלייטער פון דער אַלט־שטאָדט ירושלים

בכל בוקר ובוקר, ווען זיי האָבען דעם הימעל אין קיטלען דערזעהן,
דערזעהן די נאַכט־שטערען, ווי נעילה־ליכט אויסגעהן,
ווען דער ארון־קודש של שחר האָט אויפגעפראַהלט
און די לבנה, ווי אַ שופר של משיח האָט אויסגעשאהלט,
האָבען זיי געוואוסט, אַז דער בורא־עולם טהוט צום עמוד זיך גרייטען,
און מיט התלהבות זיך אָנגעגורט איהם צו באַגלייטען.

און באַגלייט האָבען זיי אות באות,
ווי דעם משכון — דעם אורים־ותומים :
שחרית, מנחה, מעריב, חצות,
פון בראשית ברא ביז אחרית הימים.

גאָט׳ס הויכע, זוניגע פרייד,
וואָס שטעהט אין הימעל, ווי אליהו׳ס בעכער,
צום זיבעטען הימעל האָבען זיי באַגלייט,
גע׳חלומ׳ט פון אַן אַכטען און נאָך העכער.

און דעם בורא׳ס טענער פון טיעפסטען טרויער
האָבען זיי טיעף באַהאַלטען אין די כותל־מערבי שפּאַלטען,
זיי זאָלען נישט דערגרייכען דאָס אויסגעלאָסען אויער
און מיט אומריינע ליפּען זיי פאַרגוואַלדען.

אַזעלכע לב־ונפש, געטרייע משוררים
האָט הקדוש ברוך הוא אין דער אַלט־שטאָדט פאַרמאָגט ;
זיינען זיי איצט חללים, פאַרטריבענע פון בנים־סוררים ;
און שטיין אויף שטיין זיצט שבעה און קלאָגט.

און גאָט זאָגט קדיש צווישען די שטיינער,
איינזאַם אַליין,
נישטאָ קיינער,
ס׳זאָל נאָכזאָגען אמן . . .

די כנסת ישראל רעדט
צו די ספרים און ביכער

„איך ווייס פאַרוואָס איהר, ספרים און ביכער,
שטעהט צו מיר מיט'ן רוקען,
איהר קענט מיר נישט, ווי מיין טאָג איז נישט זיכער,
אין די אויגען אַריינקוקען.

ווייל מיין לעבען איז אַזוי צו'מזיק'ט, אַזוי צעבראָכען,
אַזוי פארנארט, אַזוי פאר'צער'ט:
גאָלדענע גליקען האָט איהר מיר פארשפּראָכען
און זיך אויף די פּאַליצעס אוועקגעשארט.

מ'האָט מיר אָנגעטהון אלע מיתות משונות,
אַפילו אַ טרייסט-וואָרט האָט איהר נישט געהאַט;
געזוכט אַ טרייסט-טרעהר אין סליחות, קינות,
אָבער אויסגעטרוקענט — יעטוועדעס בלאַט.

מיין קוואַהל פון קוועהל אין איך אריינגעוויינט,
דורות-לאנג פון אייך געשעפּט מיינע אייגענע טרעהרען,
גאָט-פאַר'יתומ'ט בין איך היינט —
דאָס עם-הספר האָט קיין קינד צו פארהערען.

הייליג ספר, הייליג ספר, ווי קענסטו איצט שווייגען,
אין ארון-הקודש בלייבען באַהאַלטען, פארשלאָסען,
ווען ס'איז פארטיליגט מיין שטאַמ'ס צווייגען,
ווען ס'בלוט פון מיינע פּירות איז אויסגעגאָסען?!

אַפילו מיינע פארוואָגעלטע בלעטער טהוט מען יאָגען און פּלאָגען,
טאַ געה, ברעך אויף ס'ארון-קודש, שטורם די שערי-שמים!

פאַרוואָס זאָלען דיינע שונאים שפּעטען און זאָגען:
„דיינע פּיס — טויטע קוליעס, נישט דער עץ־החיים!“?

איך האָב דיך געשמידט, דיר מיינע כּוחות געגעבען,
אין אַן עת־צרה צו זיין מיין פּאַנצער, מיין וואָפען,
אויב דו ראַטעוועסט נישט מיין כּבוד, מיין לעבען,
טאָ נאָך וואָס האָב איך דיך אין גאַנצען באַשאַפען?

דו געדענקסט דאָך נאָך, ווי איך האָב דיך געליעבט,
אויסגעקושט דיינע אויגען, קנייטשען און שויס;
איך אַליין בין געווען היימלאָז באַטריבט,
אָבער פאַר דיר געבויט ס׳שעהנסטע הויז.

דיין וואָרט איז געווען פאַר מיר אַמאָל
פול מיט ווייך, ווי ציון׳ס טרויבען,
אָבער היינט — ווי איך — אַ גערינצעלטע שאהל,
אויסגעטרוקענט ס׳זאַפט פון גלויבען.

אויך איהר, קלאַסיקער, אונטער שויב און שטויב,
געמיינט איך וועל אייך נישט דערקענען,
איהר וועט זיך בלייבען ביים לעבען און לויב,
און איך וועל אין שנאה׳ס פייער ברענען.

און אויך איהר, וואָס זיך געשפּיעלט מיט׳ן הייליגען וואָרט,
גערעדט צו אַ צע׳ממית׳ט פאָלק, ווי די צעבראָכענע ליאַלקעס,
אוי, וועט אייך וועה טהון, במחילה, דאָרט,
ווען איהר וועט קריגען ל״ט מלקות!

טאָ ציטערט אַלע פאַר׳ן יום־הדין!
איהר וועט פאַר דעם אַלעם מיט צינזען באַצאָהלען;
עס וועט אייך משפּט׳ן אַן ערוואַכט מענטשליך מין
און אייך וואהר וועגען אויף יושר׳ס וואָגשאהלען.

דאַן וועט איהר צעפליהען, ווי פון ווינד — שטרוי,
בלויז פון מיינ׳ס איין איינציגען „אוי!“
ס׳וועלען נאָר בלייבען די מצבות, די ענציקלאָפּעדיע
פון מיין אונענדליכער טראַגעדיע“.

און ס׳האָט אַ בת־קול פון אַ שטילען סוד
אין דער כנסת־ישראל טיעף איינגערוימט:
— עס שיילט זיך שוין אויס אַ ליכט דאָ און דאָרט,
אַ יהי אור, פאר דיר איז שוין אויסגעטרוימט.

שכר ועונש

(פאַר די קינדערלעך פון פאַריזער ס.ק.י.ף.)

בעלפערעל, בעלפערעל,
וואָס איז דער שכר
פון דעם האר,
ווען ער האָט אינגעלע גאָר שטאַרק האָלד ?
— דער האר איז איהם מהנה
מיט'ן שמייכעלע פון אַ תנא
און מיט'ן געלעכטערעל פון זילבער און גאָלד !

בעלפערעל, בעלפערעל,
און וואָס פאר אַן עונש של עולם
האָט דער רבונו של עולם,
ווען ער איז אויף אינגעלע בייז ?
— אין דער גרעסטער היץ
דונערט ער צום בליץ :
„קאַנטשיג, שמייס !"

בעלפערעל, בעלפערעל, בעלפערעל,
ווען איז דער האר
זיך אמשטארקסטען מצער ?
— ווען ס'אינגעלע וויל נישט זיין אַן אויסגעלייזטער,
און ווען ס'אינגעלע אָבשמייסען הייסט ער . . .

בוך־וועהטאָג

אַ פּאָעט, אויסגעפּוצט ווי אַ דייטש אַ פּאַצעט,
האָט זיך איינגעשפּיגעלט טיעף און צו זיך גערעדט:

— דיין טאַטע איז געווען, ווי אַ ווערבע־בוים,
פאַרפלאַנצט אין מלכות פון אַל־וועלט־רוים;
זיין קאָפּ באַקרוינט איז געווען שוין איינמאָל
מיט של־ראש, עטרה און מיט קאַפּעל און שטריימעל!

דורך די שורות פון זיין פּאַרמעט־שטערן
האָט דער אור־התורה יומם־ולילה געשיינט,
און זיינע געקרייזעלטע פּיאות פון געקרייזעלטען קלעהרען,
ווי עץ־חיימ׳ס אויסגעדרעקסעלט בע׳חנ׳ט.

דיין טאַטע איז געווען אַ בעל־מלחמה,
מעכטיג באַפּאַנצערט מיט זיין טלית־קטן:
יעדע פּיאה און ציצה — אַ רוט פון זיין נשמה,
צו פאַרטרייבען יצר־הרע, לילית און שטן.

אָבער דו פּאַצעט, באַטראַכט דיין פּנים!
זעה ווי אינערליך און אויסערליך ביזט געגאָלט;
מיט תפארת און מיט טהרה, נישט מיט מזומנים
האָסטו טהייער, זעהר טהייער, דערפאַר באַצאָהלט.

זאָג, ווילאַנג איז שוין, דו זינדיגער האָהן,
זינט האָסט געהאַלטען אַ ספר אין דיין האַנד
און מיט דיינע מחשבות תפילה געטהון
מיט׳ן פּנים נישט צו דער וועלט, נאָר צו דער וואַנט?!

זאָג, וואָס איז ס׳פּאַפּיער־פּרעסעניש און ס׳טינט־זויפעניש?
זאָג, וואָס איז ס׳איילעניש, וואָס איז ס׳לויפעניש?
עס נישט קיין פּירות איידער זיי ווערען צייטיג,
ווּעסטו אַזוי נישט ליידען פון בוך־ווּעהטאָג...

אָ, ווערבע, ווערבע, וויאַזוי און פון וואַנען
שטאַמט אַזאַ צווייג ווי איך אַרויס פון דיין שויס?
זיי דיין אָבגעפּליקטע, אָבגעשלאָגענע הושענה
זעה איך דאָך, אַז אָך און וועה, אויס...

ר׳ ברוך׳ל בענטשט מיט מזומן

פון זיין שטיבעלע איז ר׳ ברוך׳ל אין גאס אַרויס,
ווי אַן אונבאַגלייט פידעלע.
זעהט ער ווי ס׳לייטערט זיך פון מילכיגען וועג אויס
אַ מעהל־ווייס בעקערעל און אַ זויערמילך־אידעלע.

האָט ר׳ ברוך׳ל אינ׳ם ענין טיעף אַריינגעטראַכט:
וואָס טהוען דאָרט אידעלעך אזוי שפעט ביינאַכט?
מסתמא געבראכט פאר די שטערען, די ישיבה של מעלה,
אויפ׳ן לבנה־טעלער אַ גאָר האַרבע שאלה.

און אַזוי ווי ר׳ ברוך איז צו זיין שטיבעלע צוריק,
איז דער שנעל פון אַ מלאך איהם נאָכגעפלויגען.
עס איז אָבער געבליבען, צו זיין גרויס גליק,
די אידעלעך אין די שוואַרץ־אַפּעלען פון זיינע אויגען.

ווען ר׳ ברוך׳ל זיך געזונגען אַ הארציג ליעדעלע,
האָט צוגעבאָמבט ס׳בעקערעל און ס׳מילך־אידעלע;
ווען זיך געוויגט איבער דער גמרא אויף אַלע זייטען,
האָבען די אידעלעך איהם געטהון באַגלייטען.

ווען ר׳ ברוך׳ל האָט געבענטשט, האָט ער געבענטשט מיט מזומן,
געלויבט אין הימעל אַריין זיין־ליעבען־נאָמען,
און די אידעלעך האָבען צוגעשאָקעלט גאָר גאָר היימליך
אונטער זיינע ברעמלעך, ברעמעלעך ווי שטריימלעך.

ווען באַרנעלעך בליהען

ווען בארנעלעך בליהען
אויף מיין רייפען בוים,
איז יעדעס בלעטעלע און בארנעלע
אַ הערצעלע אין רוים.

און ווען בארנעלעך פאלען
אין מיין גערטענדעל אַריין,
מאַך איך פון זיי אַ צימעס
און פאַרצוקער גאַנץ פיין.

און ווען תפילות צו מיר זיך ציהען
פון הערצער פארביי,
זוך איך אַ תיקון
פאַר זייערע טרעהרען פון בליי.

און ווען קארטאָפעל קאַפען טרעהרען
און ס׳ברעכט זיך ס׳האַרץ פון קרויט,
טהו איך גוט זיך צוהערען
און שטיק זיך מיט׳ן ברויט.

ווי זאַנגען — מיינע טעג

ווי זאַנגען, זיינען מיינע געוועזענע טעג,
אין וואָכען, חדשים און אין יאָהרען געבונדען:
איינס ביי איינס זיי זאַמלען איך פלעג
זיי זאָלען זיין רפואות פאַר וואונדען.

האָבען די ליכטיגע קערנער אין זייערע טונקעלע שאָלען
מיט טויזענדער אויערן געהאָרכט צי איך קום זיי אויסלייזען,
צי איך קום זיי דרעשען, צי איך קום זיי מאלען,
מיט זייער זאַפט דעם בן־אדם צו שפייזען.

מיין עדות איז גאָט, מיינע מחשבות ער וויס,
ער האָט דאָך אין מיין האַרץ געבענטשט און געטאָגט,
אַז איך האָב תמיד די זאנגען געמוטיגט און געטרייסט,
און זיי האָבען געגלויבט אין וואָס איך האָב זיי געזאָגט:

„איך קום צוריק, צוריק צו אייך, יאָהרען, חדשים און וואָכען!“
אָבער פון זיי, — וועה! — זיך אָוועקגערוקט אַלץ ווייטער,
און ווען איך דערמאָהן זיך וואָס איך האָב זיי פארשפּראָכען,
פיהל איך פאַרבלוטיגט ווי איך וואָלט געווען זייער טייטער.

און די זאנגען וואַרפען זיך ווי שלאַנגען און בעטען,
איך זאָל זיי איינזאַמלען אין מיינע שייערען,
איך זאָל זיי דרעשען, מאלען און קנעטען,
און זיי אויסבאַקען אין מיינע פייערען.

„צו וואָס אַזויפיעל געהאָפט, צו וואָס אַזויפיעל געליטען,
צו וואָס אַזוי צעאַקערט דאָס פּנים פון דער וועלט,
צו וואָס אַזויפיעל געזייט, אַזויפיעל געשניטען,
אין געלאָזען אַלעס פוילען אויפ׳ן פרייען פעלד?

ס׳קומען פרעמדע,
וואס ווייסען נישט

ס׳קומען פרעמדע וואָס ווייסען נישט,
אז איך בין געבוירען צו זיין ישראל׳ס זינגערעל,
שטעלען זיך אַוועק ביי מיין צייל־טיש
און פאָדערען פון מיר אַ פארלויבונגס פינגערעל.

זינגט דאָס פינגערעל אַ לויב־געזאנג
צום גאָט פון גאָלד פון דעם טהייערען, ריינעם,
שטעכט מיך מיין פעדער ווי אַ קאָרנצוואַנג,
און ס׳פאַפּיער מיט טינטענע טרערען טהוט וויינען.

זינגט ס׳פינגערעל און טרייסט ס׳פאַפּיער:
— וויין נישט, וויין נישט, פאַפּיערעניו,
די האַנד, די האנד, וואָס איך באַציהר,
ווערט אויך דעם מענטשען, פונקט ווי דו!

זעה, מענטש,
ווי בעפליגעלט דו ביזט!

די ראמען פון דיין מויל זיינען בעפליגעלטע ליפען,
ביזט אַ געביידע, געבויט אויף בעפליגעלטע ריפען,
די גאניקלעך פון דיינע אויגען — בעפליגעלטע ברעמען —
זיי אויסצוצופען איז זיך נישט שעהן צו בענעמען...

בעפליגעלט איז דיין שמייכעל — ליכט און שאָטען יעדע שפור,
ווי דיינע אויערען־טויערען, ווי דיין יעדע קאָפּ־און־קערפער־האָר,
בעפליגעלט פייערדיג — דיינע פיס און הענד,
ווען מיט ליעבע אָדער האַס דיין בלוט ברענט.

דיינע פאַרבאָרגענע זאָרגען און געדאנקען פארזיגעלטע,
אַן אויסגראווירטע פלאטע, אַ בעפליגעלטע,
אַן אויפגעהאנגענע אויפ׳ן גזימס פון דיין שטערען
איבער די בעפליגעלטע שויבען פון דיינע בעפליגעלטע טרעהרען.

היינט דיין בעפליגעלטעס הארץ מיט די בעפליגעלטע טרוימען,
אַפילו די לאנגזאמסטע, וואָס זיך פארזוימען,
פליהען דאָך פון אַן אָדלער שנעלער,
שנעלער און העלער פון לבנה־טעלער.

און ווען דו עפענסט ס׳פענסטער צום מאָרגען־פלאנעט,
איז דיין חלום דאָ שוין לאנג נישטאָ,
ער פליהט שוין ווייט, העט, העט, העט
איבער די העכסטע הימלען פון לויטערסטען בלאָה.

ער לאָזט דיך איבער מיט גברת־ווירקליכקייט.
זי שווערט, זי וועט דיר גאָר טריי נאָכקוקען,

אָבער דער חלום, דער חלום, זאָל ער זײַן װי װײַט,
לאָזט פֿון דיר נישט אַראָב די בעפֿליגעלטע בליקען.

ער דרעהט זיך נישט אױס מיט דיר צום רוקען,
װײַל ער װײס ס׳געפֿאַהר אין װירקליכקײַט׳ס רשות;
זי קען דיך, חלילה, דערשטיקען, פֿערצוקען,
און דיך אַראָבשלינגען אָהן אַ ביס.

טאָ אײדער די װירקליכקײַט גיט זיך אַ דרעה, אַ ריהר,
איז דער חלום שױן װײַטער געגאַגעלט אין דיר;
ער פֿליהט שױן מיט דיר צו די בלאָהע דעכער אַרױף,
צום אין־בראשית און צום אין־סוף.

און װען דײַן בעפֿליגעלטער לופֿטשיק אָטהעמט דעם הוה אַרײַן,
זײַנען דאָך דײַנע פֿליגלען דער היה ליהיה אַלײן;
דעראיבער, נישט געקוקט אױף דײַן שװער לעבען אַצינד,
ביזטו פֿאָרט דעם בורא׳ס בעפֿליגעלטסטע קינד.

קאַמאַשען און טאַשען

איך האָב נאָך נישט געהאט קאָמאַשען,
זיי זאָלען מיך צופרידען שטעלען . . .
און נאָך נישט געהאט טאַשען,
זיי זאָלען פון פראכט נישט קוועלען.

מיינע עטליכע און צוואַנציג טאַשען
זיינען וועלט־באַריהמטע הולטאיעס,
פון אַלע וועלט־טהיילען זיי פארצוקען און נאשען
פון דעם פייגעלע יפי פיה ווי ווילדע חיות.

און פאַר וועמען טהוען זיי דאָס ?
פאַר וועמען שלינגען זיי איין אַזאַ שעהנע וועלט ?
— פאַר זייער הונגעריגען בעל־הבית,
ער זאָל נישט שטאַרבען פון דער מיאוסקייט־קעלט.

זיי ווייסען, אַז צו פראכט מיין הארץ קלאַפען קלאַפט,
צו תפארת מיינע פיס טרעטען טריט ;
זיי האָבען מיין נשמה טיעף דערטאַפט —
זיי ווייסען נאָך וואָס עס בענקט אַ יוּאוועליר־איד.

ביי לייטען איז צו די טאַשען אַז אָך און וועה :
עטליכע און צוואַנציג ווילדערנישען.
אַפילו אַ ווינד בלאָזט נישט אין זיי
אַמאָל זיי אָבצופרישען.

שטאָפט מען זיי, איז עס מיט בריעף פון גענאָסען,
און פאַר טאַשען־גנבים אַביסעל געלד,
מיט הוצאות־ביכלעך, נאָטיכלעך און פאַפיראָסען,
בשעת זיי חלש׳ן נאָך עפּעס רעכטס אַ וועלט

דעריבער זיינען מיינע טאַשען אין מיר פארליעבטע,
שטיקען זיך, שוואַנגערענדיג, מיט פרייד!
זיי געהן פשוט אויס פארליעבטע־באטריבטע,
קלימפערענדיג אַפילו שטילערהייד.

דעריבער זיינען מיינע קאָמאַשען איפערזיכטיג,
זיי האַסען מיך, ביז צו דערטרענקען, פיינד;
זיי קוועטשען און קוויטשען — ווען און וואו, נישט וויכטיג —
אויף יעדען שריט און טריט פון קינדוויז ביז היינט!

אַ בריוועלע צום האַרצען

(פאַר חוה'ן)

ווייל איך האָבען תענוג,
זעץ איך זיך אויף מיין גאַניק.
ווייסטו וואָס איך טהו ?
איך נעהם אַרויס דיין בריעף פון טאַש
און גיב צום צעהנטען מאָל אַ נאַש :
און די וועלט בלאָזט זיך אָן מיט פרייד,
און די זון געהט אַרויס פון איהר שייד,
אין עס ווערט אַזוי וואַרעם יעדעס גליעד,
ווי שרייבענדיג אַן אינספּירירט ליעד.

לייענסט און לייענסט דעם בריעף,
און יעדעס וואָרט, ווי אַ טראָפּען משקה,
געהט איין דיר אַריין טיעף :
דרעהסט און דרעהסט דעם בויגען,
און דער טינט שיינט ווי אויגען,
און ס'גיסט זיך צוזאַמען אות מיט אות,
פון אַלעם ווערט איין פרעהליך־כוס.

דאַן הייבסטו אָן אויף ס'ניי פון אָנהויב,
און די וועלט לויכט ווי דורך אַ ליכטיגער שויב.
און דו קוקסט דאָ און דו קוקסט דאָרט,
און אומעטום בליהט אַ ליעב וואָרט ;
און צווישען אות און אות זעהסטו אַ שמייכעל,
און צווישען שורה און שורה פליעסט אַ טייכעל,
און דו באָדסט זיך אין פרייד אין דער מיט —
און ס'איז דיר אַזוי גוט, אַזוי גוט !

נומיאל, דער מלאך פון שלאָף

(הנה לא ינום ולא יישן)

אָהן הפסקה, אָהן איבערהיפּער
האָט יעדער האַרץ־קלאַפּ מיך געשלאָגען על־חטא —
אַן אייביגער יום־כּפור!
די קלעפּ האָבען געבויגען מיין רוקען כורעים,
אונטער׳ן טלית פון הימעל געוויינט;
און מענטשען — זיי האָבען געמיינט,
איך בין, חלילה, משוגע אָדער טויט־שכור.

אָבער דער גוטער מלאך פון שלאָף האָט גוט געוואוסט
די סיבה פון מיין זינד און שטרויכעל,
אַז אַלעס, וואָס איך האָב געטהון, האָב איך געמוזט,
און ער איז מיר געווען מוחל.

והא ראיה! איינמאָל, ווען דער טאָג האָט שוין לאנג געטוגט
אָבער חרטה האָט נאָך געשטורעמט מיין בעט
און שלאָף פון מיינע אויגען געיאָגט;
און מיין שטרענג בייז געוויסען
האָט פון מיין פאַרלאָטעוועט לעבען
שטיקער געריסען,
האָט נומיאל, דער מלאך פון שלאָף,
צו מיר אַזוי גערעדט:

— קענסט דאָך נישט גענאַרען דיין אייגענעם טאַטען!
ער וויס, אוי, וויס ער, אַז דו ביזט
אַ שטאָל און אייזערנער עגאָאיסט,
אַז אַפילו אַן עין־הרע קען דיר נישט שאַדטען!

ער וויס, האָסט ליעב ס׳לעבען צו שפּאַציערען אויף וועגען
גלאַטע, זיכערע, שעהנע,

און אויסצומיידן די מיאוס׳ע, דאָרנדיגע, זיינע.
און גלויב מיר, אַז איך וואונדער זיך גאָרנישט אויף דיר.
האָרך זיך צו, מיין שלעפערל, צו דעם, אָט.
איך וועל דיר פאַרטרויען דעם גרעסטן סוד.

ווען ער אין הימעל איז אַ מענטש,
וואָלט ער אויך שעהנקייט, שלום, ליעבע און אַ שעהן לעבען
געשטעלט אַ סך העכער פון האַס, טויט, דין און יושר,
ווען עס מאכן זיך איהם אַ שעת הכושר.
אָבער וואָס קען ער, נעבעך, טהון, אַז זיין פליכט איז צו שטראָפען
און נישט צו לאָזען אַ שלעפערעל שלאָפען —
בפרט אַ איד, וואָס מאַכט אַ גרויסען תענוג־אַבראַט,
ווייל ער אַליין איז נעבעך געשטראָפט צו זיין אַ גאָט!

ער מוז דאָך זיין געשפּאַנט,
נישט בלויז אין דער ליידענשאפטליכער קייט
פון ליעבען לעבען און שטראַהלענדיגער שעהנקייט,
נאָר ער מוז אויך שלעפּען גאַנצע קאַראוואַנען
פון מכות, מגיפות, חולאת׳ן און צרעת׳ן;
און אַלע גסיסות און מיתות, וואָס זיינען פאַרהאַנען,
ששש, זיי וויסען מיין שלעפערעל, ווייס,
אַז ער איז נישט נאָר אויף דיר,
נאָר אויף דער גאנצער וועלט בייז.
איי, וואָס ער פּייניגט דיך אַביסעלע מעהר,
יעדע רגע פּייניגט ער דיך אַ שעה?
גלויב מיר, אַז ער ליידט דערפון מעהר ווי דו.
שששש, צווישען אונז זאָל עס בלייבען,
צו וואָס טויג איהם זיין גאנץ מלכות?
צו וואָס טויג,
אַז ער קען, נעבעך, נישט צומאַכען קיין אויג?
נאָר ששש, שלאָף, שלעפערעל שלאָף, ששש!...

הערענדיג אַזאַ איינשלעפערענדיג טרייסט־וואָרט,
האָב איך זיך געגלעט ס׳זינדיגע בייכעל,
געדאַנקט דעם בורא וואָס איך בין נישט קיין גאָט,
און איינגעשלאָפען מיט מיינע צוויי
ערפּאָלגרייכע שותפים:
שכל און שמייכעל.

צווײ באַזאַר־פֿילאָזאָפֿען

א

— דער ספר־החיים פֿון מדקדק׳דיגען האַר —
האָט אַ פֿילאָזאָף אַרײַנגערעדט אין אַ פֿילאָזאָף
אין אַן אָריענטאַלען באַזאַר —
מוז ביז דער לעצטער גול האַרמאָניזירען;
ס׳מוזען באַלאַנסירען די חיים־והמות־וואגשאהלען.
צי מוז אָבער דער בן־אדם, דער אָבגענאַרטער נאַר,
אַ כזית פֿון זײַן ברײטעלע־לעבען
פֿאַר אַלעם און אַלעם באַצאָהלען? —

ווארפֿט ער אַ בליק אויף אַ חפֿץ מיט אַן אויג
(צי דאָס חפֿץ טויג נישט, צי עס טויג),
מוז ער פֿאַר׳ן בליק בלויז אָוועקלעגען אַביסעל צײַט אויפֿ׳ן אָרט,
ווײַל גאָט גיט נישט קײן קרעדיט
און גלויבט נישט אויפֿ׳ן וואָרט.

נעמט, כדומה למשל, די מיט־זומער זון,
ווען זי ווערט געבוירען,
האָב איך זי אין דער לינקער פּיאה;
און ווען זי געהט פֿאַרלוירען,
געה איך, אסור, נישט אויף דער לויה.
דאָך, צומאָרגענס, רײַסט אַראָב דער האַר
אַ בלאַט פֿון מײַן קאַלענדאַר,
ווי אַ הויט, וואָס איז טויט!
און דעם לענגסטען, שעהנסטען טאָג פֿון אַ יאָהר לעבען
מוז איך, בעל־כרחך, אָבגעבען.

און טאָמער מיינסטו וועסט זיך אַרויסדרעהען
דערמיט, וואָס דו וועסט צאָהלען און זיך פרעהען;
אַ נעכטיגער טאָג:
דער זעלבער פרייז איז פאַר פרייד
ווי פאַר קלאָג!

און טאָמער קומסטו געבען אַ שעהנע מצוה צו לייזען,
נאָר ווילסט דערפאַר פריווילעגירטע פרייזען,
איז מען גוזר מן־השמים,
זאָלסט צאָהלען כפל־כפלים.

אָדער נעמט מיין גוזמא׳דיגע באָרד:
אַלע טשעפּען זיך מיט איהר צו פלייסיג,
ווי עס וואָלט געווען זייער עסק;
און יעדעס מאָל איך טרייסט זי מיט אַ גלעט,
מוז איך פאַר דעם גלעט מיט אַ שטיק לעבען באַצאָהלען.
און דער פרייז איז „נעט״!
מיט צעהן טויזענד צונגען
קען מען קיין איין רגע נישט אַראָבדינגען.
וואָס דאַרף מען געהן ווייט,
דאָ, נישט לאַנג, האָב איך אַ פּאָר שיך פארמאָגט,
און זיי געטראָגען געזונטערהייט.
אמת, זיי זיינען נישט געווען צו גרויס,
נאָר איך האָב זיך נישט באַקלאָגט.
אָבער עס פארדריסט מיך, עד־היום,
דאָס, וואָס יעדעס מאָל איך האָב זיי געפּוצט,
בלויז איינס, צוויי, בלויז אַ שפּיי,
האָב איך געמוזט דעם טויט טרינק־געלד געבען
אַ ביסעלע צייט
פון מיין ביסעלע איבערגעבליבען לעבען.

איך קען אין קיין ספר נישט געפינען קיין תשובה
אויף דער שאלה, וואָס איך פרעג און פרעג:
צי איז די שחיטה כשר,
אויב מ׳שחט מיט אַ זעג?
און איז נישט אַ שפּיץ פון אַ זעג
יעדע רגע פון יעדער מינוט?

און ווערט די שחיטה כשר,
באשר בכן ס׳געהט נישט קיין בלוט?

ב

אויף דערויף
האָט איהם קורץ און שארף געענטפערט
דער צווייטער פילאָזאָף:

— האָסט טאַקע דערלעהגט דיין באָבע׳ס ירושה;
דו רעדסט פונקט ווי מיין אלטע, נאַרישע אשה.
דו טראָגסט איצט דער זונ׳ס מלבוש פון זילבערען פייער,
קענסט מיר זאָגען, וויפיעל איז געווען דיין ביישטייער?
און וויפיעל גאָלדענע רענדלעך וואַרפסטו אַריין
אין דעם לבנה־טעלער
צו מאַכען די נאַכט ליכטיגער און העלער?
וויפיעל ליכטיגקייט האָסטו אַריינגעגאָסען אין שפיגעל פון טייך,
און וויפיעל דופט — אַריינגעאָטהעמט אין בשמים־רייך?

דענק דיר נאָר איבער, מיין מזל׳דיגער פריינד,
דעם אוצר, וואָס דו זאמעלסט אָן אין יעדען היינט:
פאר יעדער רגע קריגסטו דעם אין־סוף,
פאַר יעדען בליק, דין ווי אַן אונזעהבאר פאָדים
— ווייל וואָס האָט דען מעהר דער בן־אדם? —
קריגסטו אַ בלאָהען הימעל פון פיינסטען שטאָף;
און דו באַקלאָגסט זיך נאָך דערויף!

צו דעם, אז דער בן־אדם מאַכט נאָך אַ גוטען פּראָפיט
אין זיין יעדער שטאַרבענדער מינוט,
האָט זיך צוגעהאָרכט אַ באזאר־קרעמערעל,
און זיינע ליפען זיינען איבערלאָפען
מיט אַ זיס־זאַפטיג זמר׳ל.

דעם שלייפּער׳ס ליד

און זייער אויסזעהן און זייער אַרבייט איז געווען אַזוי ווי
עס וואָלט זיין אַ ראָד אין אַ ראָד—יחזקאל ב.

דרעה זיך, רעדעלע, דרעה,
דרעה זיך פראַנק און פריי!
שאַרף קלינגעלעך,
שאַרף אינגעלעך,
שאַרף מוח׳לעך,
דרעה זיך, רעדעלע, דרעה,
דרעה זיך, דרעה, פראַנק און פריי!

דרעה זיך, מיידעלע, דרעה,
דרעה זיך פראַנק און פריי!
זאָלען פונקען פליהען,
שטערען — בליהען,
אויגען — גליהען,
הערצער — בריהען!
דרעה זיך, רעדעלע, דרעה,
דרעה זיך, דרעה, פראַנק און פריי!

דרעה זיך, באָבעלע, דרעה,
דרעה זיך פראַנק און פריי!
פון ווישניאק־פלאַשען
און המן־טאַשען
אויף דער עלטער
איז גוט צו נאַשען!
דרעה זיך, רעדעלע, דרעה,
דרעה זיך, דרעה, פראַנק און פריי!

דרעה זיך, וועלטעלע, דרעה,
דרעה זיך פראַנק און פריי!
פון שלייפען וואָס בעסער
הימעל'ס שנייד־מעסער,
מעהרען זיך שטערען,
לבנה ווערט גרעסער!
דרעה זיך, רעדעלע, דרעה,
דרעה זיך, דרעה, פראַנק און פריי!

שאַך—מאַט

ווילסטו דורך און דורך דאָס אמת׳ע אידעלע קענען,
די מעלות און חסרונות פון דער באַריהמטער בריה,
וואָס מיט איהם קלינגען אלע צינגער פון אַלע לענדער?
טאָ געה צו זיין שאַך־ברעטעלע, זיין אימפּעריע:
דאָרט, מעהר ווי ביים חזנ׳ס עמוד און ביים מתמיד׳ס שטענדער,
וועסטו הערען זיינע זמר׳לעך און נגינות,
זעהן זיינע העויות און מינעס.

ביי די אומות־העולם איז ס׳שפּיעל דער ציעל,
מיט׳ן בעזיעגטען רייצט זיך נישט דער זיעגער;
מ׳שפּיעלט, אויב נישט קאַלט, איז לכל־הפּחות קיהל,
כמו שכתוב: ווי אַ שעפּעלע מיט אַ טיגער...

אָבער ביי אונזערע אידעלעך
איז דער עיקר די שטעך־ווערטלעך און זידעלעך;
עס איז נישט אַ שוואַרץ־ווייס ברעטעלע סתם־גלאַט
מיט צוויי און דרייסיג פיגורעלעך פאַר מאַט און פּאַט,
נייך, עס איז אַ שווערע מסכתא, מיט צוויי מאָל ל״ב פּירושים,
וואו מ׳פּלפּולט, מ׳בים־באַמט און ס׳איז מחדש חידושים.

— — — — — — — — — — — — —

ס׳זיצט זיך אַ אידעלע מיט אַ שפּיציג, שוואַרץ בערדעלע,
הייסען, הייסט ער על פּי רוב ר׳ בערעלע
און האַלטען, האַלט ער אָהן אַ קאָפּ אַ פערדעלע...
ווילען, וויל ער דערמיט לויפען, ס׳פעלד איז ווי לאַנג ברייט,
נאָר ווייסען, ווייס ער נישט אויף וואָס פאַר אַ זייט.

געגענאיבער איהם זיצט אַ ווייסער, אַלטער איד,
ער הייסט, מסתמא, ר׳ ברוך; ער שרייט און ווערט נישט מיעד:

— נו, לאָמיך שוין זעהן אַ גאַנג!
נו, געה שוין אַהין אָדער אַהער!
ווילאַנג איז דער שיעור קלעהרען, ווילאַנג?
קוים וואָס ער ריהרט זיך דער בער!

טראַכט און מאַכט ר׳ בערעלע:
— וואָס איילט איהר זיך אַזוי, ר׳ ברוך?
אַ איד מוז דאָך געבען אַ קלעהרעלע,
איך קען דאָך נישט פליהען סתם אין פייער. —
מאַכט ר׳ ברוך:
— דיין קלעהרען איז נישט ווערט קיין דרייער,
ביזט שוין מאַט! קענסט שוין אויסשטעלען אַ נייעם;
ס׳וועט דיר שוין גאָרנישט העלפען, שריי חי וקים!
— נישקשה, נישקשה, דאָס וועט מען ערשט זעהן —
ענטפערען ר׳ בערעלע׳ס לאַכענדיגע צייהן,
ווי בריעוועלעך פון אַ בריעף־קאַסטען:
— און אַז איך פאַרשפיעל אַ פארטי, וועל איך פאסטען?!

און ר׳ בערעלע קראַצט זיך אונטער׳ן בערדעלע
און זינגט מיט אַ גמרא־ניגון:
— ס׳איז דאָך אַ פּראָסטער קל־וחומר:
מה־דאָך אַז איך געה אַזוי, געהט ער אַזוי;
אַז איך וועל געהן אַזוי, וועט ער דאָך אודאי געהן אַזוי!
אוי, ס׳איז שלעכט, נאָר כ׳ווייס נישט פאַר ווער.
מילא, פאַרשפּיעלען איז פאַרשפּיעלען —
וואָס איז זיך דאָ צו שעמען?

ווי אַ לעגענדארער העלד
פון אַ לעגענדארער וועלט
הייבט ער אויף מיט איין האנד אַ גאנצען טהורם,
גיט איהם אַ שטעל אַוועק ראַפּטום.
אין פּיער און זעכציג מדינות ווערט אַ שטורם,
ס׳צאַפּלען צוויי ארמעען אויף איין טיש,
און די זעלנערלעך ציטערען ווי פיש;
און ער פרעגט זיין אַפּאָנענט,
מיט אַלע רמ״ח אברים דורך צוויי אויסגעשטרעקטע הענד:
— וואָס זאָגט איהר נישט דערצו, האַ?

מאַכט ר׳ ברוך: — אָווא, אָווא!
ביזט דאָך גאָר עפּעס אַ גאַנצער טשעמפּיאָן!
אַלץ הייסט אַ טשעמפּיאָן, רחמנא־ליצלן!
און אַז איך וועל דיך אַזוי פרעגען מיט מיין זקן מלכה׳ניו,
וואוהין וועט דיין פלונית׳טע געהן פון דאָ?
און ר׳ ברוך מאַכט מיט הענדטעלעך איידעלע
דעם געלונגענעם גאַנג
און גליטשט זיך אַריין, ווי אַ זיידען זיידעלע,
אין אַ געשמאַק געזאַנג:

— בים, בים באָם! איי, איי, איי!
— בים, בים באָם! איי, איי, איי!
נו, מאַך שוין אַ גאַנג, נו, געה שוין, געה!
נעבעך אַ מלכה׳לע פאַרלוירען, ואיננו,
נישטאָ, ווי דער פאַראיאָהריגער שניי!
נו, בערעלע, מאַך שוין אַ צוג,
עס וועט דאָך באַלד ווערען טאָג!

טענה׳ט ר׳ בערעלע, אין גאַנצען צעטראָגען,
דערזעהענדיג זיין מלך אַן אלמן קלאָגען:
— אַ מלכה טאָר מען נישט אַזוי שלאָגען,
אַ מלכה מוז מען ערשט אָנזאָגען.

שפּאַסט ר׳ ברוך:
— קוקט נאָר אָן מיין קאַפּאַבלאַנקע!
אפשר דיר אָנזאָגען אַ זעלנערעל אויך?
געוואַלד, וואו נעמט מען צו דעם אידען כח!
ר׳ ברוך לאַכט, און ס׳לאַכט מיט איהם מיט,
מיט׳ן גרעסטען אַפּעטיט,
דער בעבאָרדטער בויך.

דאָס אידעלע, וואָס לאָקערט איבער זייביידען,
איז דער דורכשניטליכער קיביצער — נישט צו דערליידען;
האָבען, האָט ער אַ געל בערדעלע, פאַרשווירען נייטראַל...
און רעדען, רעדט ער דייטשמעריש: „דאָס״, „וואָס״, „איינעגאַל״.
ער קוקט צו און קען זיך שוין לענגער נישט איינהאַלטען,
זיין אומגעדולד מוז שוין זיין מויל שפּאַלטען:

— ר׳ ברוך, וואָס האָבען זי אַנגסט, וואָס ?
נעמען זי ניכט די קעניגין ;
עס איז איבערהויפּט ניכט ווערט.
פרעגען זי בעסער שאַך מיט׳ן פערד,
און נעמען זי איהם דאָס שטיקכען, דאָס.
אַ שטיקכען, ווי דאָס,
געפינט מען ניכט אין גאָס.

שרייט ר׳ בערעלע, ווי אַ גזלן אין וואַלד,
אַ גוואַלדאַוונעם געוואַלד :
— דו געמיינער שווייך,
וואָס מישסטו זיך ריין ? !
פאַרענטפערט זיך דער געלער :
— איך קען ניכט צוזעהן ווי אַ יודע מאַכט אַ פעהלער...

— געלער גאָרן,
וואָס ווילסטו נאָך פון מיינע פינסטערע יאָהרען ? —
בעט זיך ר׳ בערעלע מיט אַ געבעטעלע :
וואָס מישסטו זיך אַריין סתם, גלאַט ?
ווילסט שפּיעלען ? גוט !
ברענג אַהער נאָך אַ ברעטעלע,
קריגסטו אויך אַ מאַט.

ווערט שוין דער קיבעצער בייז :
— איך קען ניכט צוזעהן ווי אַ יודע מאכט אַ גרייז.
וואָס איז מיין הערץ, איין שטיק אייז ?
עס שטעהט דאָך אין דער הייליגער טאָראָה :
„עזוב תעזוב עמו״ !

מאַכט ר׳ בערעלע : — ע, ס׳איז נישט ווערט קיין פּלוי !
שיסט דער געלער אַרויס, ווי קוואס :
— ניכט שעהן, ר׳ בערעלע, איינעגאַהל,
אַ יודע רעדט ניכט זאָ וואָס,
ניין, ניכט איינמאַהל.

מאַכט ר׳ בערעלע געוואַלדען :
— ווען לערנסטו דרך־ארץ,
דו טריפה׳נער דייטש, דו מחלל־שבת׳ניק, דו שרץ !

גערסט נישט אַוועק, פּאַסקודניאַק,
קר'יגסטו פון מיר אַ קנאַק אין באַק!

מישט זיך, למען השלום, אַריין ר' ברוך:
— אדרבא, ווייז מיר, ר' בערעלע,
דעם דין אין שולחן־ערוך.
זאָג מיר, נא פשיקלאַד, וואו, למשל, שטעהט,
אַז ווען אַ איד זעהט אַן אונגערעכטיגקייט
זאָל ער זיך ס'מויל אַבווישען
און זיך נישט אַריינמישען?

באַרוהיגט זיך אַביסעלע ר' בערעלע,
דרעהט מיט צוויי פינגער פון זיין שפּיץ־בערדעלע אין הערעלע,
שאָקעלט זיך, ווי איבער אַ בלאַט גמרא, און זינגט צו:
— ממה נפשך, זאָל איך געהן אַזוי, געהט ער דאָך אַזוי.
זאָל איך ווידער געהן אַזוי, געהט ער דאָך אַזוי.
אוי, וואָס טהוט מען, וואָס טהוט מען, ס'איז דאָך גרויסע צרות;
ס'גאַנצע עסק טויג דאָך אויף כפּרות.
טאָ וואו געהט מען, וואו געהט מען, אוי, וואו געהט מען?
אוי, טאַטעניו, טאַטעניו,
וואו גיט מען איהם אַ מאַטעניו? —
ער קוועטשט די אויגען און קנייטשט דעם שטערען,
ווי איבער אַ האַרבען מהרש"א, אַ תוספות אַ שווערען.

דער געלער, נייטראַלער קיבעצער ער איצט דערזעהט
פאַר ר' בערעלע'ן אַ טהייערען אויסוועג,
וואָס מוז ר' ברוך'ן קאַטעווען
און ר' בערעלען ראַטעווען.
כאַפּט ער, ווי להבדיל אַ פּסוק פון תנ"ך,
אַ טהורם, וואָס שטעהט אויף דער וואַך,
שטעלט איהם אַוועק און פרעגט „שאַך"!
און קיין הילף פאַר'ן מלך איז נישטאָ, אַן עק,
און ר' ברוך'ס לעצטע שוואַרצע האָהר
ווערט ווייס פון שרעק.

שליידערט ר' ברוך אַ כעס'דיגען בליק
אויף דעם פּושע־ישראל, דעם קיבעצניק;

און ר׳ בערעלע׳ס האַרץ פון תענוג הייצט זיך,
און זיין ציגעלע פלאַקערט און רייצט זיך:
— ר׳ ברוך׳שע, ר׳ ברוך,
ווי איז איצט דער דין אין שולחן ערוך?

— וואָס טויגען דיינע נאַרישע רייד, עה! —
מאַכט ר׳ ברוך — אַז דו שפּיעלסט נישט פּיאסדישע;
אַז יעדער גאַנג נעמט דיר שעה׳ן,
אַז טויזענד שטיקלעך ריהרסטו אָן?!
נו, באלעמוטשע נישט, געה שוין, געה,
און ברענג דריי גלעזלעך טהיי.

לויפט אויף פּיסעלעך ר׳ בערעלע,
שנעל ווי אַ פּריזירער׳ס שעהרעלע:
איינס, צוויי און ס׳איז דאָ דריי גלעזעלעך טהיי.
אַלע הייס, ווי די גרעסטע היצען,
און מ׳שיכורט פון טאַצען,
מ׳בייסט צו וויצען,
אַזש זייטען פּלאַצען.

צום סוף, שטעלען זיך אַלע דריי בגילופין אויף,
מ׳פלעכט זיך אין אַ חבר׳יש קרענצעלע
און מ׳טאַנצט אַ מצוה־טענצעלע.

אַ שאָ! אַ שאָ! אַ שאָ!

(בערנאַרד שאָו'ן פאַר זיין אַטאַקע אויפ'ן אידענטהום
נאָך זיין באַזוך אין פּאַלעסטינע אין 1933).

דער היימישער ערב־שבת געדענקט זיך, ווי אַן אידילישער חלום,
ווען די מאַמע, עליה השלום,
האָט נאָך דער פּראַצע פון דער וואָך
פאַר דעם טהייערען שבת די טעפּלעך אָבגעקאָכט,
אויסגעצוואָגען די קעפּלעך פון די קינדער,
ביז עס האָט געשטראַהלט יעדעס הערעלע באַזונדער;
אויסגעקעהרט שטויב און שאָטען פון שטוב,
און בעשאָטען דעם דיעל מיט זאַמד, ווי מאהן;
יעדע טרחה איז איהר געווען אַזוי ליעב.
דעם טאַטענ'ס ליפּען האָבען וויברירט, ווי אַ קאַמערטאָן —
פלעגט פאַרבלאָנדזשען אַ ווילד־פרעמדער האָהן,
און אויף דער הייליגער ריינקייט,
זייט מיר מוחל אייער כבוד,
אָוועקגעלייגט זיינע אמת'ע חתימות...

האָט עס דער מאַמען פאַרדראָסען.
ווייסט איהר וואָס זי האָט געטהון?
אַזש געסטראַשעט מיט'ן בעזים אָט דעם האָהן
און געשריגען: — א שא! א שא! א שא!
נאָך מעהר האָט זיך מיר באַגעהרט
צוזאַמענצובינדען ריטער פון שטעך־ווערטער,
שמייסען אונזערע רויטע העהנער, ווי מיט אַ שווערד,
איבער זייערע עלאָקווענטע ערטער...

איך האָב עס אָבער נישט געטהון,
נישט מיט טהאָט און נישט מיט מויל,
ווייל פון וואַנען זאָל וויסען דער תרנגול,

דער גרויסער קרייער פון דער שפּאָט־תאווה,
אַז ביי אונז אין דער היים גרייט מען זיך שוין אָן
אויף דעם שבת של אהבה?
אַז עס ברענען שוין ווי אָנגעצונדענע ליכט די מעשענע לייכטער,
און אין אויגען ברענט שוין דאָס הייליגע פייער?
און אַז געצעהלטע אידען איבער דער גאָרער וועלט —
יאָ, מיר וואָס טראָגען פון אייביג דעם וועלט־יאָך —
כאָטש מיר זיינען נאָך אַזוי טויט־מיעד
פון אור־נעכטיגען, אייביג־מעכטיגען ליעד,
און מיר זיינען צעשפּרונגען, ווי אַ וואַלד שפּענער,
דאָך
זינגען מיר שוין איין מיט מלאכים ושרפים
אַ נייַ, רעטענדעס ליעד,
אונבאַגרייפבאַר פאַר רויטע העהנער.

(„די צייט" 1933)

וואָס איז דען דער זינגער?

(אונזער האַרציגען בן־שבעים — אברהם רייזען)

וואָס איז דען דער זינגער?
דער בעל־מלחמה פאַר שטומע צינגער!

ער קעמפט ביז׳ן טויט מיט׳ן טויט,
ער לאָזט פון קיין זאַך די נשמה נישט שטאַרבען,
ער וואַרפט ס׳טויטע צום טויט:
— נאַ דיר, פרעס דיין ברויט! —
אָבער די נשמה טהוט ער אַרבען.

און ווען ער הערט דעם ציטערדיגען רוף,
בעקליידעט ער די גע׳ירש׳ענטע נשמה
מיט אַ נייעם גוף:
וועבט אויס פאַר איהר אַ זיידען קליידעלע,
מאַכט פאַר איהר אַ וויס שירצעלע
אַרום דעם קלאַפּענדיגען הערצעלע,
און ס׳בליהט, ווי אַ יום־טוב׳דיג מיידעלע
באַ׳חנ׳ט ווי אַ באבעלע,
און אַ גבור ווי אַ זיידעלע!

אין די קרומע שפּיגלען
פון מענטשענ׳ס אויגען

אין די קרומע שפּיעגלען פון מענטשענ׳ס אויגען
בין איך שוין אַן אַלט־געבויגענער איד,
אָבער מיין יונגיטשק האַרץ האָב איך דאָך דערצויגען,
ס׳זאָל קיינמאָל נישט אַרויס פון וויגעל־ליעד.

ס׳קען זיין, איך בין שוין אַ גראָהער גרייז,
געוויקעלט אין אַ מגילה פון טויזענדער יאָהרען,
אָבער איך קען דאָך נאָך נישט גוט דעם „אלף־בית״,
ווי איך וואָלט ערשט געקומען פון „בראשית״ צו פאָהרען.

דער הימעל איז ביי מיר נאָך אַ גאָלדענע פּאווע,
די ערד — אַ קינדערגאָרטען, יונג און פריש;
פון שטיינדעלעך און זאַמדעלעך מאַך איך דיר אַ פּאטראווע,
גוט גענוג פאַר אַ קעניג׳ס טיש.

ס׳האַרץ, ס׳טרעט איבער די שוועל פון מיין הויז,
ווערט אַ יאוועלען־שאַכטעלע פול מיט וואונדער;
פון פעלזען — טייבעלעך קנעט איך דיר אויס,
און מאַך פון פילאָזאָפען — שפּיעל־קינדער.

ווען איך טובל אין פרייד אַ טרויעריגען דיאַמאַנט,
וועט זיך שוין קיין שאָטען צו איהם צוריהרען;
ווען אַ קאַלט שקעטעלע איך גלעט מיט מיין האַנד,
וועט עס שוין קיינמאָל מעהר נישט פריהרען.

ווייל איך בין נישט קיין קעלבעל פון אַ בהמה געקאַלבט,
און שטאַם נישט פון אַ בלוט־פאַרגיסענדער אומה:

מיך האָבען די טרעהרען פון מיין מאַמע געזאַלבט —
טאַטע האָט אַפילו אין חלף געזוכט אַ פגימה!

אויף מיין מזרח שיינט מיין באָבע׳ס לעצטע ווערטער:
„געה שוין אין בית־המדרש אריין, געה שוין, געה!"
און אַ בית־המדרש זיינען אַלע ערטער,
וואו מיט איין פוס איך נאָר שטעה!

מיט צוויי זעק ציהרונג

מיט צוויי זעק ציהרונג, ווי מיט צוויי קיבעל,
וואָלט איך גערן געוואַנדערט פון לאַנד צו לאַנד,
און די ליידענדע פון חושך, ווי די ביבעל,
בעלויכטען מיט דער נשמה פון אַ ברילליאַנט.

ווייל ווי דעם זעהער׳ס אויג איז דאָך דער איידעלשטיין,
פינסטערניש קען איהם נישט פאַרשטעלען:
דער ליכטיגסטער שטערן אין אונזער פּאַראַדיז אַליין
צו באַלויכטען דעם אור־הבוקר דעם העלען.

דערווייל באַהאַלטען זיי זייער פּראַכט אויף משיח׳ישער שעה,
און בעדעקען זיך מיט זיעבען הימלישע דעקען;
און נאָר פּאָר יחידי סגולה, וואָס זיינען זוכה דערצו,
טהון זיי זייער נאַקעטקייט שוין איצט ענטפּלעקען.

אַ ליבּ־געזאַנג צו חוה׳ן

אין מיינע פינסטערסטע קעלערען פון טיעפסטען טרויער
האָט ער די זיסטע וויינען אַריינגעגאָסען;
איז דאָך אַ שאָד, זיי זאָלען ווערען זויער
איידער דורשטיגע ליפען האָבען פון זיי גענאָסען.

זאָל זיין, כ׳וועל דעם אין־סוף מיט תפילות צווינגען,
ער זאָל מיר שענקען יאָהרען ביז הונדערט און צוואַנציג;
אויב איך וועל ביים סוף נישט האָבען מיין וואָרט געזונגען,
איז עס דאָך אַלץ נאָך וויט צו ווינציג!

טעג און יאָהרען האָב איך פון דיר מעהר אודאי,
אָבער כ׳צעהל זיי אין וועג לויט׳ן אינהאלט פון געזאנג,
און מיט דיין מתנה — „וואָלד־באַלאַדע״
האָסטו שוין געלעבט און וועסט לעבען לאנג!

צו וואונדערבאַר

ווען איך האָב נאָר געזעהן דיין אויסערליכע שאָל,
שוין בין איך געוואָרען אַזוי נתפעל;
וואָלט איך נאָך געזעהן דאָס קערענדעל בעהאַלטען,
וויאַזוי, רבונו של עולם, וואָלט איך עס געקאָנט אויסהאַלטען?

ביז איצט האָסטו מיר נאָר די הויט ענטפּלעקט,
וואָס וועט ערשט זיין, ווען דיין ערד און הימעל
וועט נאָך ווערען אויפגעדעקט
און וועסט מיר ווייזען פון די בלומען די קוואַלען
און דיינע קרוינען, פון וואַנען שטערען פאַלען?

די קריסטאַלענע, קיהלע יסודות, פון וואַנען ס׳פליסט די רוה,
שטאַרקער פון די הערנער פון דעם באַפאַלו,
דעם אויוועז, וואו מע׳באַקט דעם פעלזיגען פלינט,
און די מיהלען, וואו מע׳מאָלט דעם דינסטען ווינד —

צו זעהן דאָס אַלעס, אָ, מיין האַר,
וועט דאָך זיין שוין צו וואונדערבאַר!

אַ שמחה אין הימעל

אין דעם אַלמעכטיגענ׳ס אַלס זעהענדע אויגען,
איז האַרציגע אַרבייט ווי ס׳האַרץ טהייער,
ער אַכטעט עס ווי דעם יואוועלירטען רעגענבויגען,
ווי דעם שעפערישען ליידיגגעהער.

ער שפּיגעלט זיך אין שיינע ספרים שאַנקען
מעהר ווי אין געפּייניקטע געדרוקטע געדאנקען,
אין אַן אויסגעטאַקט באַקוועם קלייד
וויקעלט ער איין ש״י עולמות פרייד.

האָט ליעבע געבויט ערגעץ אַ הויז,
איז עד לב־השמים די שמחה גרויס,
ווייל אין דעם ליכטיגען פּנים
פון טוירען, טירען, פענסטער און ווענט
האָט כביכל די סימנים
פון זיין מלכות דערקענט.

אין אַזעלכע פענסטער שיינען ווי בריליאַנטען די שויבען,
טירען און טוירען עפענען זיך ווי גן־עדן בלומען,
איבער יעדען געזימס זינגען זמירות טויבען,
רופען מיט זייער אָטהעם זיין ליעבען נאָמען.

די צוויי דריי טרעפּלעך בלויז
דערגרייכען צום הימעל הויך,
און דאָס ברויט מיט וואַסער אין אַזאַ הויז
איז געשמאַקער פון קניידלעך מיט יויך.

זאָג מיר, אהביאל

אַ געיאָגטער, האָב איך דערצעהלט דעם מלאך אהביאל,
בין איך געגאַנגען אויף געיעג,
אַרומזוכענדיג דעם רוה־טאָג, דעם שבת פון טעג,
און האָב איהם דערזעהן פון ווייטענס אָנקומען:
אויף זיין קאָפּ — אַ זיעבען־שפּיציגע קרוין פון פייער,
און אַ בת־קול האָט אויסגעשאהלט: אהבה זיין נאָמען!

בין איך, מלא שמחה, געלאָפען אין שירה־היכל
איינזאַמלען קלאַנגען,
מיט אַ ליעד פון ריינסטען גאָלד
איהם מקבל־פּנים זיין, איהם עמפּאַנגען.
ווער זאָל זיך אויף אַזאַ בראָך ריכטען?
איך האָב געפונען דעם שירה־היכל אויסגעליידיגט
פון די פערציקענדיגע טעג פון נעכטען.

אַזוי אָבער ווי דאָס וואָרט מוז געזאַנג פאר אַן עדות האָבען,
אַזוי מוזען בשורות ווערען בעגלייט דורך זמירות.
אויב נישט, בלייבען זיי אין שאָטענס בעגראָבען.
בין איך געגאַנגען און אויפגעמונטערט
איזסגעמוטשעטע טענער,
אָבקלאַנגען גע׳מפּיל׳טע פון אונזער אבות־הארף,
וואָס זיינען אָהן פליגעל געקומען אויף דער ערד
און אַוועקגע׳חלש׳ט פערשמאכט
אין אונזער וועלט־נאַכט;
זיי אָנגעזויגען מיט מאַרך און גאַל,
מיט בלוט און טרעהר פון מיין פאָלק און פון אל,
מיט נעקטאר פון האָפנונג זיי מחיה געווען,
מיט בשמים פון הייליגען לעבען זיי אָנגעזאָפּט. —

אוי, מיין האַרץ, מיין אויסגעהונגערטער מזבח,
וואו זיינען דיינע קרבנות?

אה, אהביאל!
קענסטו מיר איינרוימען, פאַרטרויען, צי נישט?
איז נאָך געבליבען אַ סימן פון אַ קלאַנג פון אַ וואָרט,
וואָס האָט טריי, ווי דעם אקסענ׳ס פוס־טריט,
מאַטירעריש געאַקערט לויט דיין רצון,
צעמאָהלען ביז טהרה אַ באַרג פון טומאה?

זאָג מיר, איך בעט דיך בעשיידען,
אין נאָמען פון ליידען,
אין וואָס פאַר אַ געפענגעניש האָט מען פאַרשיקט
די אונשולדיגע טויבען־ווערטער
פון די קינדער פון דער כפרה־אומה?
יאָ, און די ווערטער, וואָס האָבען זיך געקוילערט און געקלונגען
מיט שרפים־צונגען
איבער די שפיץ־דעכער פון בערג,
געקלעטערט אַרויף אויף דער דורות־לייטער,
געשוועבט איבער ברענענדיגע וואָלקענס,
געשפרונגען איבער׳ן תהום פון מילך־וועג,
זיך אויסגעשמידט אין זיעבעציג וועלט־גרויסע רינגען
און זיך בעהאָפטען אין גאָלדענע, קאָסמישע קייטען,
אַרומגעגאַרטעלט מיט אייביג יונגע כחות
די גראָהע נביאים
פון זילבערנעם פאַרצייטען,
וואו זיינען זיי?

האָבען זיי, ענדליך, מנוחה געפונען ביי דיין טויער
און זינגען זמירות פאר גאָט׳ס אויער,
אָדער זיינען זיי משוררים ביים מקור־החיים,
וואָס בעגיסען מיט געזאַנג
די אילומינירטע זיעבען בלעטער
פון ספר־אלהים, וואָס הייסט שמים?

בחינם נישטער איך אַרום
צווישען אונזערע פריש פערוועלקטע שמות;

די ווערטער זיינען נישטאָ אויף אונזער וואַנדער־שטערען!
אָה, אהביאל, אהביאל,
ווער בין איך דען מיט דיר צו שטרייטען?
נאָר זאָג מיר, האָט מען דאָרט
לעבעדיגערהייט פערניכטעט
דאָס לעבעדיגע וואָרט?
איז גאָט מיט אונז ברוגז,
און ועט שוין קיינמאָל צו אונז נישט ריידען?

(דער פראַגמענט פון מיין ענגליש בוך „זיווג נפשות“ איז ערשיענען אין זאַמעלבוך „אלף“, וואָס דער קדוש הלל צייטלין ז״ל האָט אַרויס־געגעבען אין ווארשא, אָקטאָבער, 1932).

ווער האָט דיר, קינד מיינס...

ווער האָט דיר, קינד מיינס, דאָס קלימפּערעל געגעבן ?
כ׳האָב דיך אַזוי לאַכען נאָך נישט געהערט.
ווער האָט דיר, קינד מיינס, בעגייט דיין לעבן ;
מיין האַרץ געגעבן וואָס ס׳האָט בעגעהרט ?

— איך בין, מאמעשי, געוועזן אויפ׳ן יריד :
דורך אַ פענסטער איך זעה אויגען אָפען ;
איך קוק אַריין, דערזעה איך אַ איד,
מיט ביבלישער בענקשאַפט איבערגעלאָפען.

און ער רעדט אַ לשון — אַ וואונד יעדעס וואָרט —
און דער צער פון זיין פאָלק, זיין מאַנטעל און קרוין !
— אַזוי, מיין קינד, אַז דו קומסט פון דאָרט,
יעצט, יעצט, פאַרשטעה איך שוין.

פון עפּר־ואפר ווערט דאָס הויז געבויט,
פון לאַטעס און שמאַטעס — דאָס חופּה־קלייד,
פון פון געמיסטיגטען פעלד קומט דאָס ברויט
און פון דער טראַכט פון וועהטאָג — די גרעסטע פרייד.

צום פיצעלע בליישטיפט

וויפיל האָניג און וויפיל גיפט
האָסטו שוין דו פיצעלע בליישטיפט,
אויסגעקאָפּעט און אויסגעכליאָפּעט
בעת זיך אויף דער פּאַפּירענער הויט געדראָפּעט?
און דאָך איז דיר נאָך געבליבען גענוג כּוח,
אויפצוקנאַקען אַ קייכענדיגען וויץ,
ווי דעם הימעל, אַ בליץ
מ'זאָל זיך מוזען קייקלען אויפ'ן בויך,
גענוג גייסטיגקייט אויפצושרייבען אַן אויסגעצייכענט אַטאָמיש וואָרט
דער כּסא הכּבוד זאָל זיך ריהרען פון אָרט,
ס'זאָל ציטערען ס'גאַנצע הויז דעם בורא'ס
און ס'זאָלען שפּרינגען קדוש אַלע דורות.

דערצעהל בליישטיפטעלע פון דיין עבודה,
עפען דיין שנאָבעלע און זיי זיך מודה,
וויפיל באַוואַקסענע לאַנדשאַפטען האָסטו שוין געמאָלען
אויפ'ן גלאַטיגען פּנים פון פּאַפּיר דעם גאָלען?
און וויפיל חלומות האָסטו שוין פאַרנאַטירט
און צו דער גרענעץ פון דער ווירקליכקייט זיי צוגעפיהרט?

קיין שטעקעל פון פערד גנבים
האָט דאָך נאָך ניט אַזויפיל פערדלעך פון זייער היים פאַרטריבען
ווי דו כּישוף־שטעקעלע מיט די ליבע בריוולעך דו האָסט געשריבען,
און וויפיל ליכטיגע האָפענונגען האָסטו שוין צושמאָלצען ווי שניי
מיט איין עוקצל פון דיין גראָען בליי?

קען מען דען אויסדערצעהלען אין טויזענט און איין נאַכט,
די שוואַרץ־קינסטלערישע גבורה פון דיר!?

פון צוויי נולען מאַכסטו אַן אַכט,
און פון דריי איינסען מאַכסטו אַ פיר.

דו שרייבסט און דו מעקסט,
און ביסט זיך מחיה מיט דער צונג דו לעקסט,
און שטעלסטו אַ ביין אויפ׳ן קאָפּ,
ווערט גאָר זעקס!

שטעלסטו חלילה נישט צו איין איינס צו מילי־מיליאָנען נולען,
בלייבען זיי דאָך אַלע פוסט און פּאַס, פונקט אַט!
ווי די שטערען אָהן דעם אחד — גאָט
גלאָצען מיט ליידיגע אויגען
אויף זאַכען ניט געשטויגען ניט געפלויגען.

שטעלסטו אָבער יאָ צו איינאיינציג איינסעלע,
ווערט פון אַלע צופליקטע צופעליגקייטען,
איין באַהעפטענדיג מעשה׳לע,
אַלעס קריגט אַ ווערט, אַ אינהאלט, אַ זינען,
און אַלע נולען,
וואלצירען און הוליען
ס׳ווערט אַ ריטמישער שוואונג,
צווישען די צוויי וועלטען פון טאָג און נאַכט, מאַן און פרוי,
האָרץ און צונג,

ס׳ווערט אַ סמיכות־הפרשה וואָס צוברעכט דעם נדר,
צווישען אַלע קליינע רעדעלעך און קאָסמישע רעדער,
אַלע צוריסענע טענער הויבען אָן האַרמאָניש צו קלינגען,
זיי קלינגען צו דיר בליישטיפטעלע קלאַנגען פון לויב,
און ס׳בוקען זיך צו דיר ביז צום שטויב,
די שטאָלצע קעפּ פון האָלצערנע וועלדער און סעדער,
ווי די פאַוועס גאָלדענע פעדער.

ווייל ווי באַוואוסט געפינט זיך אַ יחוס־בריעף,
אין הארץ פון דער ערד איינגעוואָרצעלט טיף,
אַז דער מאַנטעל פון עץ־הדעת און פון עץ־החיים,
איז אויף דעם בליישטיפטעלע געפאַלען מן השמים.

איבערזעצונגען פון ענגליש

מצרים*

נילוס, דער הייליגער וואונדער־טייך,
שניידט דורך דעם גאנצען מצרים־רייך,
פליסט פאַרביי פעלדער פון קאָרן,
און באַזאַלט פעלזען האַרט ווי גאָט׳ס צאָרן.

די קראָקאָדילען פון די היילען קוקען,
און דער איביס, דער זומפּ־פויגעל זעהט,
ווי צו לעשען דעם דורשט פון פאַרצוקען
צום נילוס פיה און רינד געהט.

מיעדע פאַרביי רייזענדע זעהן, דורך דער קלאָהרער ליכט,
ווי די פאַרצווייפעלטע, פאַרקנעכטע אידען
הייבען שיכט נאָך שיכט, שיכט נאָך שיכט,
פון די מאַיעסטעטישע פּיראַמידען,
און ווי די פּיראַמידען שטאָלצע שטומען,
אָ גאָט! ווען משה קיינמאָל נישט קומען?

---

*מיין מיידעלע ימיאל עובד האָט דאָס געשריבען אויף ענגליש ווען זי איז אַלט געווען צעהן יאָהר.

כל נדרי

כל נדרי, דאָס יום־כפור געשריי
פון ישראל אין גלות אויף דער ערד
האָסטו דען, גערמאַניע, נישט דערהערט ?

האָסטו נאָך נישט דערהערט דעם קלאַנג דעם זיסען,
אין וועלכען ר׳ יהודה הלוי האָט געבראַכט
טרייסט און גרוסען ?

אָה, ווי חרוב איז דאָס הויז,
פון וועלכען רחל קלאָגט אַרויס !

אך, ווי טרויערט דאָס פאָלק היינטיגער נאַכט,
וואָס האָט דעם ספר־החיים און דעם תהלים געבראַכט !

האָסטו, דייטשלאַנד, פאַרגעסען דעם האר,
די קרוין פון ציון,
און איוב׳ס מאַיעסטעטישען צער ?

דער רבונו של עולם פאַרגעסט אָן זיי,
וואָס זיינען ירושלים נישט געטריי !

היינטיגע נאכט געדענק אין ישראל, אָה, גאָט,
כל נדרי — דעם אונשולדיגען׳ס געשריי
אין לאַנד, וואו מען פייניגט זיי !
אוי, וועה, ווי זיי ווערען געפייניגט דאָרט !

(פון דעם ענגלישען דיכטער ערנעסט רהיס, יוני 1933).

פראַנציס טאָמפּסאָן

אַן איינלייטונג צו דער פּאָעמע „נאָכגעיאָגט פון הימלישען"

אין די אַכציגער פונ'ם פאַריגען יאָהרהונדערט אין דער הויכ־געאַכטעטער ענגלישער שרייבער ווילפרעד מענעל, דעמאָלט ערשט אין די דרייסיגער, אָבער שוין דעמאָלט אַן אָנגעזעהענער אויטאָר און קריטיקער, געזעסען ביינאַכט אויף אַ באַנק, ביי דער לאָנדאָנער טהעמ־זע און, מן הסתם, מעדיטירט: „אַך, וואָס פאַר אַ וואונדערבאַרע טעמע דער אויסגעשטערנטער הימעל איז פאַר אַ פּאָעמע, ווען מ'פארגלייכט די ציטערדיגע שטערען צום צייטיגען גילדענעם קאָרן; און די לבנה צו דער אומ'רחמנות'דיגער שטאָלענער קאָסע, און ווי שטערען ווערען פארשניטען פון דער לבנה, אזוי די שטערבליכע און אונשטערבליכע— פון גאָט".

און אזוי חלומ'ענדיג באמערקט ער זיצען אויף דעם צווייטען עק פון זיין באנק אַ יונגען מאַן אין די צוואנציגער, זיי הויבען אָן רעדען און ס'שלאָגען אָב נישט פיעל הארץ־קלעפּ און דער יונגער מאן רעציטירט פאר ווילפרעד מענעל'ן די פּאָעמע „נאָכגעיאָגט פון הימלישען" וואָס ער האָט אין די לעצטע טעג געשריבען. ווילפרעד מענעל, האָט מיט גרויס כוונה זיך צוגעהערט, יאָ, און צוגעזעהן, ווי דער יונגער דיכטער אילומינירט זיין תפילה מיט זיינע אויגען, געזעהן ווי זיין פּנים איז בלאס, ווי ביי אַן איידעלער, צניעה'דיגער קימפּעטאָרין, ווי אין זיין קול קלינגען נאָך נאָכוויינען, דערצו איז איהם קאַלט פון הונגער און זיין הוסטען איז איהם אויך נישט געפעלען. האָט ווילפרעד מענעל דעם פארוואונדעטען נאכטיגאל צו זיך אַהיים גענומען, אויף איהם אכטונג געגעבען מעהר ווי אַ טאַטע אויף אַ קינד. און פון איהם איז געוואָרען דער אומשטערבליכער דיכטער, פראַנציס טאָמפּסאָן.

עטליכע און צוואַנציג יאָהר האָט פראַנציס טאָמפּסאָן געלעבט אין ווילפרעד מענעל'ס הויז, געקרענקט אויף שווינדזוכט און געזונגען ביז דער לעצטער רגע, ביז דעם לעצטען הוסט, ביז דאָס שנייד־מעסער האָט דעם שטערען פארשניטען אין יאָהר ניינצעהן הונדערט זיבען.

אינטערעסאנט איז, אז די פּאָעמע „נאָכגעיאָגט פון הימלישען" איז

געבליבען עד היום די הארציגסטע פון אַלע זיינע גענזאנגען. אין דעם טעמפעל פון דער רייכער רעליגיעזער דיכטונג פון דער ענגלישער שפּראַך פאַרנעמט זי אַן אָנזעעוועגע שטאָדט אין דער סאַמע מזרח וואַנט.

* * *

ווען ווילפרעד מענעל איז געוואָרען אַ זקן ושבע ימים, ווען ער איז אלט געוואָרען פינף און אַכציג יאָהר, האָבען זיך עטליכע פריינד צוזאַמענגענומען, בראש מיט א. קאנער (וועלכער איז אגב געווען אַ ידיד נפש פון האנס הערצל) מיט דעם צוועק צו פּרעזענטירען מענעל'ן די פּאָעמע „נאָכגעיאָגט פון הימלישען" איבערגעזעצט אין פינף און אַכציג לשונות.

עטליכע און אכציג איבערזעצונגען האָבען זיי שוין, פיעלע זיינען געמאכט פון דעם בעסטען דיכטער פון דער באטרעפענדער שפּראַך. שאול טשערניכאָווסקי האָט געשאפען אַ גראַנדיעזע איבערדיכטונג אין העברעאיש און דער עניו פון די שורות האָט עס מיט פאַרגעניגען געטהאָן אין אידיש. ארבייטענדיג איבער דער פּאָעמע האָט זיך מיר אויסגעדאכט ווי איך גיס דעם ווייַן נישט אין אָריגינעלען בעכער אַריין, נאָר אין דעם אָריגינעלען הייטעל פון דער טרויב; אַזוי עכט אידיש איז זי, נישט אויף אַזוי פיעל אין דער פאָרם ווי אין גייסט.

* * * *

די עטליכע און אכציג מאַנוסקריפּטען, פיעל פון זיי געשריבען אויף פּאַרמעט אין אַ פּראַכט קאַליגראַפיע און איינגעבונדען מייסטערהאַפט, וועלען זיכער מיט דער צייט בלייבען אַ שאַץ פאַר אַ נאַציאָנאַל מוזעאום. זיי וועלען בלייבען אַ צייכען פון דער זינגענדיגער וועלט'ס דאנקבארקייט צו אַ גרויסען פּאַטראָן פון דער פּאָעזיע. די דאנקבארקייט וואָס פראַנציס טאָמפּסאָן אַליין האָט געפיהלט צו ווילפרעד מענעל'ן געבען איבער די פערזען וואָס ער האָט איהם געווידמעט!

* * * *

צו וו. מ.

דו פיעל־צווייגיגער בוים!
איין צווייג האָט זיך צו דיר באהאפטען
ניט פון דיין זוים.
און זאָל דאָס מענשליכע רשעות
אויף דיין קאָפּ דונערען,
און דיך לאָזען אָהן אַ בלום אָהן אַ צווייג
בלויז מיט דיינע ליידען,
וועט די איין און איינציגע צווייג
מיט דיר קיינמאָל זיך נישט שיידען.
מיין פאָטער, ברודער, פריינד
מיט דיר צוזאמען ביז'ן סוף פון סוף
טריי ווי היינט.

נאָכגעיאָגט פון הימלישען

איך בין פון איהם אנטלאָפען טאָג און נאכט,
דורך די קאָרידאָרען יאָהרען האָבען מיר געבראכט,
איך בין פון איהם אנטלאָפען דורך די שווינדלענדע לאבירינטען
פון מיין שׂכל דעם קאַלטען.
אין דעם שטיקענדען טומאן פון טרעהרען
האָב איך זיך פון איהם בעהאַלטען,
איך בין מיטגעלאָפען מיט'ן לויפענדען געלעכטער,
און מיט אויפגעהענדע, שיינבאַרע האָפנונגען
פון איהם אַוועקגעפלויגען
און אין תהום אַריין, ווי אַ פייל פון בויגען.

אין תהום פון טיטאַנישען טרויער, אין היילען פון שרעק.
פון ריעזענטריט, וואָס האָבען מיר פון די מרחקים נאָכגעשפרייזט
בין איך אַוועק, אַוועק.
אָבער אין אַ נישט־איילענדיג געיעג
האָבען מיר נאָכגעפאָלגט זיינע טריט, זיינע נעכט און טעג
געלאסען, מיט מאיעסטעטישער פינקטליכקייט ;
און נאָך שטארקער, ווי זיינע טריט, שטורעמט זיין קול נאָהענט
און וויים :
— אַלץ פארראט דיך, דו, וואָס פארראטסט מיך !

האָב איך זיך געבעטען, ווי אַ פארשאָלטענער פאַר אַ ברכה,
ביי די פענסטער באהאנגען מיט רויטע פאָרהאַנגען,
געשפונען פון דער הארציגער צדקה,
(כאָטש איך האָב זיין ליעבע אין מיר געטראָגען,
דאָך האָבען פאר איהם געציטערט מיינע פערלאנגען,
ווייל האָבענדיג איהם, טאָר איך קיין אנדערען נישט האָבען.)
אָבער ווען פאר אַן אָפען פענסטער איך האָב
מיין זעלע אויסגעגאָסען,

האָט דער שטורעם פון זיין אָנקום
עס גלייך פאַרהאַקט און פאַרשלאָסען;
שרעק האָט נישט געוואוסט ווי אַזוי אויסצואויכען
דאָס, וואָס ליעבע האָט געשטרעבט צו דערגרייכען.

בין איך אַוועקגעפלויגען צו דער ערד׳ס ראַנדען,
בעלעסטיגט די גאָלדענע טויערען פון די שטערען,
געקלאַפּט פאַר שוץ אין די קלינגענדע קלאַנגען
פון זילבערנעם לבנה־האַפען,
זיך געבעטען מען זאָל מיך הערען,
זיך געבעטען ביים זונען־אויפגאַנג:
— קום פּלוצלינג! —
און ביים אונטערגאַנג:
— זאָם זיך נישט לאַנג! ——
זאָל פלאַטערען איבער מיר דיין שימערירענדער שלייער,
ער זאָל מיך נישט דערזעהן דורך דיין פייער!
איך האָב געבראַכט זיינע געטרייע דיענער צום נסיון,
אָבער אין זייער איבערגעגעבענקייט צו זייער גאָט
האָב איך געפונען מיין פאַרראַט און בזיון.

איך האָב זיך געבעטען, עס זאָל פליהען געשווינדער
דאָס וואונדער פון יעדער זאַך, וואָס פליהט געשווינד.
זיך אָנגעהאַלטען ביי דער יאָמערענדער גריווע
פון יעדען ווינד,
אָבער זיי — סאַי ווי סאַי —
צי זיי האָבען געלאָסען געגלעט די בלאָהע, פליושענע ליילעכער,
צי זיי זיינען געוואָרען פון דונערען און בליצען געטריבען,
האָבען זיי ממלא געווען דעם רצון
פון דעם האר פון די ימים און הימלען זיעבען.
אָבער מיין שרעק האָט נישט געוואוסט וויאַזוי אויסצואויכען
דאָס, וואָס ליעבע האָט געשטרעבט צו דערגרייכען.

האָבען מיך נאָכגעפאָלגט זיינע טריט פון נעכט און טעג,
און אין אַ נישט־איילענדיג געיעג,
געלאָסען מיט מאַיעסטעטישער פּינקטליכקייט.
און נאָך שטאַרקער ווי זיינע טריט קלינגט זיין קול נאָהענט און ווייט:
— קיין זאַך קען נישט בעשירמען דיך,
דו, וואָס ווילסט נישט בעשירמען מיך! —

האָב איך אויפגעהערט זוכען דאָס, וואָס האָט מיך פאַרפיהרט
בעשיינפערליך פארפיהרט.
אין דער געגענוואָרט פון מענטשען דערוואַקסענע,
אין קינדער־אויגען ענטפלעקט דאָרט,
האָב איך זיך געטראכט, איז פאר מיר פארהאנען אַ תשובה־וואָרט.
זיי שיינען דאָך פאר מיר, פאַר מיר,
אָבער באותו הרגע, ווען זייערע יונגע אויגען האָבען אויפגעוואַכט,
מיט אַן אויפגעהענדער תשובה מיך דערקוויקט,
האָט זיי זייער מלאך פון מיר אַוועקגעפליקט.

בעט איך זיך וואהר:
— טאַ קומט איהר צו מיר, קינדער פון דער נאַטור,
און לאָזט מיך פון אייער נאָבעלער פריינדשאַפט געניסען,
לאָזט מיך מיט מיינע ליפּען אייערע ליפען גריסען;
לאָמיר זיך האלזען, פלעכטען, איינהילען,
אויסגעלאסען מיט דער מוטער׳ס לאָקען
און ווילדע קודלעס זיך שפּילען,
פּייערען מיט איהר אין ווינדיג־וואַנדיגען היכל
אונטער איהר בלאָהער חופּה,
געשטעלט אַ טייכעל.
זויפּען טיעף פון אַ בעכער,
זויפען יעדען טראָפּ מיט אַ נאג
און שעפּען פון שעמערירענדען קוואל
פון יעדען טאָג.
און אזוי טאָקע האָט עס פּאסירט,
צו זייער דעליקאַטער פריינדשאַפט
בין איך געוואָרען געפיהרט.

די סודות פון דער נאטור זיינען מיך בעפאלען, ווי פיילען,
פון יעדער ענדערונג אויף דעם הימלישען פנים
האָב איך געוואוסט צו דערצעהלען.
איך האָב געוואוסט וויאַזוי די וואָלקענס הויבען זיך צוקאָפּענס,
ווי עס שטראָמט דער שוים
פון ווילדען ים׳ס כראָפּען;
אַלעס, וואָס קומט צו געבורט און טויט,
אַלעס, וואָס הויבט זיך און פאלט,
האָט זיך פאָרמירט באלד לויט מיין שטימונג אין אַ געשטאַלט,
אין טרויער און אין פרייד;

מיט זיי האָב איך געיובל׳ט,
מיט זיי האָב איך געאַבל׳ט.

איך האָב מיטגעטרויערט מיט׳ן בין־השמשות,
ווען ער האָט אָנגעצונדען די צאַנקענדע ליכט פון נאַכט
אַרום דעם שטאַרבענדען אַלטאַר פון מעת־לעת,
און אין פּנים פון פריהמאָרגען האָב איך געלאַכט.
איך האָב טריאומפירט און געטרויערט
מיט יעדען זמן, וואָס האָט געשאָטענט און געשיינט;
די הימלען און איך האָבען צוזאַמען געוויינט,
זייערע זיסע טרעהרען
און דער האָניג פון קאָרן
איז פון מיינע טרעהרען פאַרזאַלצען געוואָרען.

אויף דעם פּולס פון אונטערגעהענדיגען זונען־האַרץ
האָב איך מיין האַרץ אָוועגעלייגט
און זיך געבאָדען אין דעם אויסגעמישטען ליכט.
אָבער אויך נישט דאָס האָט פאַרלייכטערט מיין שמאַרץ,
אומזיסט האָבען מיינע טרעהרען באַנעצט
דאָס גרינע הימלישע געזיכט.

אַך און וועה איז מיר!
מיר פאַרשטעהן נישט איינער דעם אַנדערען׳ס לשון:
איך מיט קלאַנגען־רייד,
און זי מיט׳ן ריהר,
מיט לשון שטילקייט.

אָה, נאַטור, אַרימע שטיף־דאַמע,
זי קען נישט שטילען דעם דורשט פון מיינע פערלאַנגען!
זאָל זי, אויב זי וויל, איך זאָל צו איהר בעלאַנגען —
פון זיך אַראָבוואַרפען דעם בלאָהען בוזעם־שלייער
און מיר ווייזען די ברוסטען פון איהר צאַרטקייט,
ווייל נאָך קיינמאָל נישט האָט די ברכה פון איהר מילך
געבענטשט מיין דורשטיג מויל מיט פולער פרייד.

און נעהנטער, אַלץ נעהנטער, קומט דאָס געיעג
פון די נישט־איילענדיגע טעג,

געלאַסען מיט מאַיעסטעטישער זיכערקייט און פּינקטליכקייט
און דורך דעם רעש פון טריט אַזוי זיכער
רייסט זיך דורך אַ קול, ווי אַ וויכער:
— הער, קיין זאך קען נישט שטעלען צופרידען דיך,
דו, וואָס שטעלסט ניט צופרידען מיך!

אַ נאַקעטער, ווארט איך דיין ליעבע זאָל מיך מציל זיין:
מיין שפּאַנונג האָסטו שטיקערווייז פון מיר אָבגעריסען,
פון קאָפּ ביז פיס האָבען מיך דיינע שמיץ צעביסען,
איך בין, לחלוטין, נישט געגען דיר פערטיידיגט;
הפקר, ווי קיעזעל־שטיינער,
זיינען מיינע ביינער.

עס דאַכט זיך מיר, אַז איך בין אין שלאָף געווען געבונדען
און האָב אויפגעוואַכט,
און מען האָט מיך געשונדען
אין שלאָף פון דער נאכט.

אין דער אימפּעטדיגער גלוסטונג פון מיינע יונגע כחות
האָב איך געשטורמט די זיילען פון די שעה׳ן,
און אויף זיך דעם מאנטעל פון לעבען אָנגעטהון;
און איצט שטעה איך אויף מיינע יאָהרען׳ס בארג מיסט,
בעשמירט פון שמוץ, פערברענט פון סם,
און מיין פערשניטענע יוגענד
ליגט אונטער דעם בארג מיסט — אַ בר־מינן.

מיינע טעג פערקנאסט, פערברענט און אַוועק מיט רויך,
און צעבלאָזען ווי די שטערען פון הויך;
יאָ, איצט איז אַפילו דעם חלום אויך אנטרונען,
דער בעל־חלום, די פּלייט, דער מוזיקאנט,
אויך די געשפּונענע פאנטאזיע פון זינען,
מיט וועלכער איך האָב די ערד באדעקט,
און זי געטראָגען אויף מיין האנד,
פעדימען זיך אויס — צו שוואַך פאר׳ן זיין,
וואָס לויפט איבער דעם מהות פון פּיין.

אָה, איז טאקע דיין ליעבע אַ רוט אין דיין האַנד —
אַ רוט, וואָס טהוט זיך קיינמאָל נישט בויגען,

ווי די סאמעט־רויטע אראמאנט,
וואָס לאָזט קיין אַנדערע בלום אויף זיך גישט שטייגען?
אָה, מוזטו, געשטאַלטער פון אין־סוף,
אָה, מוזטו מאכען פון האָלץ קויל
איידער דו קענסט צייכענען דערויף?

עס איז געוואָרען פערוועלקט אלעס, וואָס אין מיר האָט געבליהט:
הייסע טרעהרען ווערען אין מיין האַרץ,
מיין צעבראָכענער קוואַל — פערקיהלט,
און טריפען פון מיינע ציטערדיגע געדאנקען
אויף די זיפצענדע צווייגען פון מיין געמיט.
יאָ, אזוי איז עס און וואָס וועט זיין,
אז דער עצם פון לעבען איז ביטער ווי דער טויט;
טאָ וואָס פאַר אַ טעם קען שוין האָבען די הויט?

וואָס ווערט פערלוירען אין טומאן פון דער צייט
בין איך זיך משער אונגעפער,
כאָטש פון געהיימער פעסטונג פון דער אייביגקייט
אַ שופר־ שאהלונג איך הער;
אַ שאַהלונג, וואָס פעריאָגט דעם טומאן פון די רוימען
און ענטבלויזט טורעמס, וואָס באָדען זיך
אין לויטער ליכטיגע טרוימען,
און ענטפלעקען דעם משיח
אין אַ לארבער־קראַנץ פון דערנער,
אין אַ פורפור־מאַנטעל פון טרויער.
זיין נאָמען קלינגט אין מיין אויער,
און פון זיין שאהלונג פערשטעה איך זיין בעדייט,
אַז מענטש זאָל זיין האַרץ און לעבען ליפערען יעדע מינוט
פאַר זיין ערפאָלגרייכען שניט.
אָבער, אָה, גאָט, מוזען טאקע דיינע שניט־פעלדער געמיסט [illegible],
פאר'ן שטיקעל ברויט
אויסער פון טרעהרען, אויך פון פערפוילטען טויט?!

און איצט, פון דעם לאנג אָנגעלאָדענטען פערלאנג
קלינגט אַרויס, ווי פון אַ געפלאצטען ים, אַ קלאַנג:
— איז דען דיין ערד בלויז צום שטארבען,
צו לייגען שארבען אויף שארבען?

אז אלעס פליהט פון דיר,
ווייל דו פליהסט פון מיר.
אָה, נאַריש נפש׳ל, דו ביזט בעטריבט,
פאַרוואָס זאָל דען עמיצער זיין אין דיר פערליעבט?
זעהענדיג דאָס נאָר איך אין מיין מיהל
קען מאָהלען פון גאָרנישט זעהר פיעל.
און ווילסטו מענטשליכע ליעבע פערדיענען,
מוזטו זיי מענטשליך דיענען.
האָסטו געדיענט און פערדיענט דאָס נויטיגסטע?
ווערה, צו וויסען איז דיר נישט בעשערט
ווי וויניג דו ביזט ליעבע ווערט!
ווערמען ווערסטו דען געפינען צו ליעבען,
דו נידערטרעכטיגער,
אויסער מיך, דיין גערעכטיגער?!
אַלעס, וואָס איך האָב פון דיר צוגענומען, אַלעס באַנאַנד,
איז עס נישט געווען פון דיין רעה־וועגען,
נאָר כדי דו זאָלסט עס זוכען אין מיין האַנד.
אַלעס, וואָס אין דיין קינדישקייט ווייזט זיך דיר אויס פערלוירען,
האָב איך פאַר דיר אין מיינע אוצרות אָנגעזאמעלט;
הויב זיך אויף, נעם מיין האַנד,
איך וועל דיך פיהרען צו די טויערען!

און עס שטעלען זיך אָב זיינע טריט, און איך פרעג,
איז מיין עצבות נאָך אַלעם בעדעקט
פון זיין האנד מיט ליעבשאפט אויסגעשטרעקט?
— אָה, טהייער, בלינד, שוואַך קינד,
קוים, קוים וואָס דו זשיפּיעסט און לעבסט,
איך בין דאָך ער, צו וועמען דו שטרעבסט!
דו האָסט פערטריבען ליעבע פון זיך,
דו, וואָס האָסט פערטריבען מיך — דיין משיח!

* * *

(פריי איבערזעצט אויס דעם ענגלישען פון פראנציס טהאָמפּסאָן „די האונד אָף העווען”).

(„אידיש לאָנדאָן”, 1937).

ס׳רוב פון די איבעריגע זאַכען זיינען ערשיענען אין חודש זשורנאַל „לשון און לעבען” אין פאַרלויף פון די לעצטע אַכט יאָהר.

פון זעלבען מחבר — אין אידיש און ענגליש

אַרויס פון כאַאָס 1917
לעבענס־ליעדער 1924
וויזיאָנען און איידעל־שטיינער
האַנדעל און לעבען 1931

(אויטאָביאָגראַפישעס אין איין באַנד)

אַ נייע אויפלאַגע מיט אַ דריטער טהייל דערשיינט אין 1950
אין חדר אַריין 1945
אין זכות פון די טעג 1946
די גאולה־שעה (אַ וויזיע) 1950

OUT OF CHAOS 1918
VISIONS AND JEWELS 1925
GEMS AND LIFE 1927
THE BOOK OF AFFINITY 1933
(Coloured Drawings by Jacob Epstein)
FOR THE SAKE OF THE DAYS*. 1940
*Pro La Merito De La Talos 1948
(עספעראַנטאָ)